№ 47 Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem פּרייז 20 גראָשען Lodzer Tageblat

לאָדזשער טאָגעבלאַט

הײַנט 6 זײַטען

רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע: פּיעטריקאָווער 16. טעלעפאָנען פון: רעדאַקציע 10057, פון אַדמיניסטראַציע 10047 | מאָנטאָג פ' משפּטים, כ"ו שבט תר"צ | 24 lutego 1930 r. | 23-טער יאַהרגאַנג.

נויט און פערצווייפלונג אין די רייהען

פון די לאָדזשער יודישע האַנדווערקער

וואָס זענען געווען די ערשטע קרבנות פון שווערען ווירטשאַפטליכען קריזיס

אינטערן פּאָרזיץ פון ה' י. ב. לעווקאָ-וויטש איז געקומען אָוונד פאַר-געקומען די יעהרליכע פערזאַמלונג פון צענטראַ-לען יודישען האַנדווערקער פערבאַנד באַ-גדניאָווע 4.

אויף דער דאָזיגער פערזאַמלונג איז גע-קומען צום אויסדרוק די נויט-לאַגע פון לאָדזשער יודישען בעל-מלאכה און זיין שווערען גראַנדיעזע פאַר'ן מעגליכען ברויט און פאַר זיינע מענשליכע רעכט אויף היש-פעה אין די ווירטשאַפטליכע קערפּער-שאַפטען, וואָס רעגירען איבער'ן גורל פון בעל-מלאכה. עס זענען געהערט געוואָרען א סך פערבימערטע ווערטער אויפ'ן חשבון פון דער קורצער-ווירטש-פּאָליטיק צווישען די יודישע האַנדווער-קער-אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָט א שלעכ-טע ווירקונג אויף דעם מעמד פון די האַנדווערקער.

ה' ב. אָרדינאַנס, האָט אָפּגעגעבען דעם צוזאַמען-בעריכט פאַר 1929 (די הכנ-סות האָבען בעטראָפען 18,188 זל.) אויס-געווען. אין דער יאָהר בילאַנס שליסט זיך מיט א דעפיציט פון 98 זל. דאָס איז א רעזולטאַט פון עדם קריזיסען יאָהר. וואָס דאָס יודישע האַנדווערקערטום אין לאָדז האָט דורכגעמאַכט.

דער האַנדווערקער-פערבאַנד זאָגט דער בעריכט-אָפּגעבער, — האָט געמאַכט די גרעסטע אָנשטרענגונגען, כדי צו לינדער-רען די לאַגע פון די האַנדווערקער. אין לעצטען יאָהר, ווען דער בעל-מלאכה איז געווען דער ערשטער קרבן פון ווירט-שאַפטליכען קריזיס, איז די אויסערליכע בעציהונג צו דעם דרויסען ווינטער אַפּאַ ראַט. וואָס דאַרף העלפען דעם יודישען האַנדווערקער, איבערגערעהט געוואָרען צום שלעכטען.

צוליב דעם האָט די אינסטיטוציע גע-האַט אויסצושטעהן פיל שוקאַנעס אַזוי בעם גרינדען בראַנזשע-צעכען אַזוי ביי אַנדערע אָנגעלעגענהייטען.

צוליב דער אויפפיהרונג מצד א צווייטען יודישען האַנדווערקער-פעראיין אין אונזער שטאָט האָבען די לאָדזשער יודישע בעלי מלאכות אויך פערלוירען מאַנדאַטען אין דעם האַנדווערקער-פּאַרלאַמענט.

דער פערוואַלטונג איז פונדעסטוועגען געלונגען אָפּצושלאָגען די אַטאַקעס, וואָס זענען מאַנ-טעגליך געמאַכט געוואָרען אויפ'ן האַנדווערקער-פערבאַנד. די פער-איינס-אַרבייט איז געווען נישט ווייניג. אינ-טענסיוו. עס איז געזאָרגט געוואָרען פאַר דער פערקלענערונג פון די אומגעהויערע שטייער-לאַסטען, וואָס זענען אַרויפגע-לייגט געוואָרען אויף די יודישע האַנדווער-קער; די שאַצונגס-קאָמיסיעס זענען בעזעצט מיט יודישע האַנדווערקער-פערטרע-טער. דאָס זעלבע אין אַרבייטס-געריכט און אין אַפּיעקונגס-אַמט ביים מאַגיס-טראַט, וואָס האָט די אויפגאַבע צו טראַ-גען הילף פאַר די פעראָרימטע, הילפלאָזע האַנדווערקער.

דעם בעריכט ענדיגט ה' אָרדינאַנס מיט דער ערקלעהרונג, אַז עס מוזען קו-מען נייע אָפּפערוואַלטונג אין אַרבייטס-פער-הינע עלעמענטען.

די דיסקוסיע האָט זיך אָנגעהויבען מיט ה' מאַרדקעוויטש'ס אַרויסטריט גע-גען דער טעטיגקייט פון פערבאַנד. עס איז נאָר קיין אַרבייט נישט געפיהרט גע-וואָרען אין אַרבייטס-געריכט זענען פער-האַן אַזעלכע פערטרעטער, וואָס קוקען זיך צו גלייכגילטיג, ווי מ'שעכט אָפּ ביים מער אָהן א מעסער, און דאָס צוליב נאַ-רישקייטען. ער וואַרפט אויך פאָר דעם האַנדוו.-פערבאַנד, אַז ער איז צופיל פאַר מיאוס. פון גרונד אויס דאַרף די אָרגאַ-ניזאַציע איבער'ן קאָפּ ווערען, אויב נים — מיינט ער — וועט מען קיין נחת נים האָבען פון דעם האַנדווערקער-פערבאַנד.

די ווייטערדיגע רעדנער שוואַרצבאַרד, מאַרק פיין, ליפשיץ, כאָלמסקי ווייזען אָן אויף די פּאָזיטיווע מאָמענטען פון דער אַרבייט פון דער אַפּטרעטענדיגער פער-וואַלטונג; זיי ווייזען אָן אויף די שווערי-קייטען, אָן וועלכע די האַנדווערקער-פּועלי האָבען זיך אָנגעשטויסען אויף שריט און טריט צוליב בלי-ערליי שפּיצלער, האָט איז אָפּגעטאָן געוואָרען דעם האַנדווערקער-פערבאַנד פּלומרשט אונ'ם נאָמען פון א געוויסער פּאָליטיק, אָבער צום אייגענע-ליכען שאָדען פון געפּלאָגטען בעל-מלא-כה. דערפיי ווערט אונטערליך, און די האַנדווערקער-רעדנער געפיהרט אַן'אונטער-גראָבונגס-טעטיגקייט, א צושפּליטערונגס-אַרבייט אין דער ריכטונג פון שאַפען בע-זונדערע קרעמלעך און פעראיינדלעך, אויסגערעכענט בלויז אויף כבוד-זוכעניש און צו דער רעה פון האַנדווערקער-כלל.

עס רעדען נאָך א גאַנצע רייהע רעדנער און דער פערוואַלטונג ווערט אויסגע-דרוקט א דאַנק פאַר איהר אַפּגעטוענער אַרבייט.

האַלב 12 טרעט-צו די פערזאַמלונג וועהלען א נייע פערוואַלטונג, און וועלכער עס זענען אַריין די ה"ה:

ד"ר ש. שווינג — פּרעזעס און דער פערוואַלטונג: אַדוו. א. צימערמאַן, אַדוו. ז. שטרויך, אַדוו. אַפּט, אונזש. ש. ליני-סקי, דאָזאָר און דער נמינע ר. האַפּטמאַן; זאַקען-מאַכער, ראַטמ. און שטאָט-ראַט מ. פיין אַרביטמאַכער, ב. קויפמאַן שניי-דער-מייסטער, מ. ד. הערשקאָוויץ מויש-לער-מייסטער, ראַטמאַן אין האַנדוו קאַ-מער ז. מאָשענבערג פאָרזיצער ש. סענ-דאָווסקי יובילער א. א.

די וואַהלען אין סאַנדאַמירער קרייז

לובלין, (טעל.) היינט זענען פאָרגעקומען די וואַהלען אין סאַנדאַמירער קרייז. דער רעזולטאַט פון די וואַהלען וועט ערשט בעקאַנט ווערען מאָרגען ביי-טאָג. אין איינציגע ערטער איז די וואַהל-פרעקווענץ געווען א שטאַרקע.

אנקלאַגעס געגען די סיים וואַהלען

היינט פאַר'ן העכסטען טריבונאַל

וואַרשא, (טעל.) היינט וועט דער העכסטער טריבונאַל בעטראַכטען די ווייטערע אָנקלאַגעס געגען די סיים און סענאַט-וואַהלען פון 1928. מען שמועסט אַז עס וועלען גע'פסל'ט ווערען די וואַהלען אויך אין לידער קאָוועלער און ביאַליסטאָקער קרייזען.

רעגירונגס-קריזיס אין דייטשלאַנד

בערלין, 23 (ספּעצ.) עס געהען האַרטנעקיגע קלאַנגען וועגען דער דימיסיע פון קאַבינעט. אויפ'ן אָרט פון קאַנצלער מילער, שמועסט מען זאָל קו-מען ד"ר מייזנער, וואָס געהט אָן אַלס הינדענבורגס פערטרויאונגס-מאַן.

ד"ר מייזנער איז א געוועזענער סאָציאַליסט און שטעהט איצט נאָהנט צו די רעכטע, ער זאָל דערביבער שאַפען אַ איבערפּאַרטייאישען קאַבינעט. די דייטשע נאַציאָנאַל סאָציאַליסטען זאָלען שוין האָבען צוגעזאָגט זייער שטיצע פאַר'ן קאַ-בינעט מיט ד"ר מייזנער בראש.

פּוילען אויף דער צאָל-קאָנפערענץ

גענף, 23. (ספּעצ.) אויף דער זיצונג פון דער צווייטער קאָמיסיע פון דער צאָל-קאָנפערענץ האָט דער פּוילישער דעלעגאַט טאַרנאַווסקי גערעדט וועגען דער נויטוועדיגקייט פון אַ אַלזייטיגער אויפפאַסונג פון די פּראָבלעמען פון אינ-טערנאַציאָנאַלער רעקאָנסטרוקציע און עקאָנאָמישער צוזאַמענאַרבייט. ער האָט אונטערגעשטראָכען, אַז דער פרידען אויפ'ן צאָל-געביט אַליין פון ווירטשאַפטלי-כען פּראָנט גענוגט נישט. ער האָט אויך אָנגעוויזען אויף דער בעדערפעניש פון אַ גלייכען טראַקטירען די לאַנדווירטשאַפט און אינדוסטריע.

אין דער דעבאַטע איז געקומען צום אויסדרוק דער הסכם צווישען די שטאַנדפּונקטען פון פּוילען, רומעניען, טשעכאָסלאָוואַקען, אונגאַרן און יוגאָ-סלאַוויען.

דער נאָמענטאָג פון מאַרשאַל פּילסודסקי

לעמבערג (טעל.) דאָ איז געשאַפען געוואָרען אַ גרויסער געזעלשאַפט-ליכער קאָמיטעט פאַר דער פייערונג פון נאָמענטאָג פון מאַרשאַל פּילסודסקי, אין קאָמיטעט געהען אַריין פאָרשטעהער פון פערשידענע אָרגאַניזאַציעס. די פייערונג איז בעשטימט געוואָרען אויף די טעג פון 16, 18 און 19 מערץ.

דער נרייז-גרויער הרב קאַצענעלבאָגען האָט געמוזט פערלאָזען לענינגראַד

בערלין (יטא) ווי די יט"א ווערט געוואָהר פון א יודיש-רוסישער פּאָ-זיציע-לינקען, האָט איינער פון די עלטסטע און אָנגעזעהענסטע רבנים און סאָוויעט-שען-רוסלאַנד, הרב קאַצענעלבאָגען בע-קומען א בעפעהל פון דער סאָוויעט. שער מאַכט גלייך צו פערלאָזען לענינגראַד. הרב קאַצענעלבאָגען האָט שוין דעם בע-פעהל אויסגעפיהרט.

הרב קאַצענעלבאָגען איז איצט אַלט 84 יאָהר, ער איז געווען א לענגערע צייט רב אין סובאַלק און האָט זייט 1907 פערנומען דעם כסא-הרבנות אין לענינגראַד. הרב קאַצענעלבאָגען האָט זיך קיינמאָל נישט בעטייליגט אַקטיוו אין פּאָליטישען לעבען.

BANK SPÓŁDZIELCZY
Kupców i Przemysłowców w Łodzi
Spółdz. z ogr. odpow. Tel. 136-46 i 188-34
פּראָנט 1-טער שטאָק 39 צעגעלניאַנא 39 פּראָנט 1-טער שטאָק
נעמט אָן וועקסלען, פּראַכטען און פערשידענע דאָקומענטען אויף אינקאַסאָ אויף אַלע פּלעצער אין גאַנץ פּוילען ביי אַ מינימאַלער פּראָוויזיע און צאָהלט אויס דעם זעלבען טאָג, ווייזט איבער געלד אויף גאַנץ פּוילען, נעמט אָן וואָקלאַדען, איינלאַגען, גדן-געלדער און קלענערע אָפּשפּאָ-רונגען אויף די בעסטע בעדינגונגען, מאַכט דיסקאָנטאָ און גיט אַרויס אַוואַנסען אויף אינקאַסאָ.
ערלעדיגט אלס פּינקטליך און רעיעל.
די באַנק איז אָפען פון 9 ביז 2 מיטאָג.

ווינער אָרטאָפּעדישע ...
— אונטער אויפזיכט פון א דאָקטאָר ספּעציאַליסט —
א. ז. ה. גראָנבאַם, נר. 28 פון 1, 7—5 אָוונד.

L. Gecowowa צאָהן-אַרצט
נעהמט אָן פון 10—12 און פון 3—4½
פּילסודסקיעגאָ (ווסכאָדניאַ) 31,
און פון 8—9.30 אָוונד אין היל-אַנשטאַלט „VITA" פּיעטריקאָווער 45.

Dr. med. H. Lajchter
צאָהן-כירורג
קיפּער, דזשאַנסלעס גומען, צינג-קראַנקהייטען א.ד.ג.
האָט זיך איבערגעצויגען
אויף זשעלאַנאַ 9, טעל. 149-66. 1 שטאָק פּראָנט
נעהמט אָן פון 1.30—5 אָוונד.

Dr. Z. RAKOWSKI
ספּעציאַליסט פאַר אויערן, נאָז, האַלז און לונגען-קראַנקהייט
קאָנסטאַנטינער 9 טעלעפאָן 127-81
שפּרעכשטונדען 12—2 און פון 5—7 נעמט אויך אָן אין לעטשניצע זגערזשער 17, פון 2 ביז 3 נאָכמ.

א גוטע בשורה! סוחרים, ווי אויך הויז-בעזיצער! 5-ער זשאַרובקעס.
די אמת'ע גוטע אָנגעקומען ביי
ר. קאָרן לאָדז,
ציגעל-גאַס 29, טעל. 11-116.

Dr. Wołkowyski
צעגיעלניאַנא 25
טעלעפאָן 126-87
ספּעציאַל-אַרצט פאַר הויט ווענערישע קראַנק-הייטען און מענער-שוואַכע. אַלע-אַרט אַנאַליזען
בעהאַנדלונג מיט קוואַרץ-שטראַהלען.
נעמט אָן פון 8—2, און פון 6—9 אָוונד.
בעזונדער „אַרטע-זאַל פאַר פרויען.

וויכטיג פאַר אינדוסטריעלער און סוחרים!
די לאַנג-בעוואוסטע רעכטקאָנסולענט-ביוראָ
„יוסטיץ" פּעטריקאָווער 62 טעל. 183-84 טעל. 183-84
ערלעדיגט פּינקטליך אַלערליי קלאַוזולעס, זאַבעזפּיטשעניעס, נאַדזורן א.ז.וו. שרייבט ביטעס, ציווילנע, קאַרנע, אַפּעלאַציעס, פּאָדאַניעס, אָדוואָלאַניעס אין אַלע אוזשענ-דען, רעדאַגירט שותפות-אַקטען, אינטער-ציזיעס און דאָכאָוויזעס.
אַכטונג: אין מיין ביוראָ איז פאַראַן אַן'אויסקונפטס-אָבטיילונג וועגען סוחרישע קרעדיט-פעהיגקייטען.
ספּעציעלע אינפאָרמאַציעס אין אויסלענדישע פּעסער ווי אויך מיליטערישע ענינים, סקאַרבאָווע זאַכען און יורידישע עצות ווערט ערטיילט טעגליך פון 6—8 אָוונד.
פּראָמפּטע איינקאַסירונג פון וועקסלען אויף גאַנץ פּוילען.

לעזט, אַבאָנירט דאָס „לאָדזער טאָגבלאַט"

אַ פּראַכטפולע וואוינונג
פון 5 שטובען און א קיך
מיט אַלע בעקוועמליכקייטען, פּראָנט 1-טער שטאָק פון זאָפּאָרט איבערצוגעבען,
צו ערפאַהרען אין אַדמיניסטראַציע פון „לאָדזער טאָגעבלאַט"

גרויסע פראטעסט פערזאמלונג אין ניו יארק

געגען די רדיפות אויף דער יודישער רעליגיע אין רוסלאנד

די סאוויעטען קאנפיסקירען הונדערטער שוהלען

גרויסע פראטעסט-פערזאמלונג אין ניו-יארק

געגען די רדיפות אויפ'ן יודישען דת אין רוסלאנד

ניו-יאָרק, 23 פעבר. (יט"א) אויף אַ גרויסער פערזאַמלונג פון ניו-יאָרקער סינאַגאָגען פערבאַנד איז אָנגענומען געוואָרען אַ שאַרפע פראָטעסט-רעזאָלוציע געגען די רדיפות אויפ'ן יודישען דת אין סאָוויעט-רוסלאַנד.

אין ח' אדר וועלען אין די ניו-יאָרקער שוהלען אָפגעריכט ווערען ספּעציעלע תפילות געגען די גזירות אין רוסלאַנד.

קאנפיסקירט די גרויסע מאסקווער כאר-שוהל

אין הונדערטער יוד. שוהלען אויף דער פראווינץ

מאָסקווע, 23 פעבר. (יט"א) דער מאָסקווער סאָוויעט האָט צוגעשיקט אַ פעראָרדנונג צו דער יודישער קהלה, אַז אין משך פון 14 טעג זאָל זי איבערגעבען די מאָסקווער גרויסע כאָר-שוהל אין רשות פונ'ם אַרבייטער קלוב ביי דער פאַבריק „האַמער און סערפּ". די מאָסקווער קהלה האָט געגען דער פעראָרדנונג צוגעשיקט אַ פראָטעסט צום „צוויק".

לויט די ידיעות פון „עמעס" קומט איצט פאָר אין גאַנץ רוסלאַנד אַ מאַסען-קאָנפיסקאַציע פון די שוהלען און בתי מדרשים, וועלכע ווערען זעהר שנעל פערוואַנדעלט אין קלובען. אין די קאָלעקטיוויזירטע יודישע קאָלאָניעס זענען שוין אַלע שולען קאָנפיסקירט געוואָרען.

געזעגנונגס-באנקעט פאר זשאבא-טינסקין אין לאנדאן

לאָנדאָן, 23 פעבר. (יט"א) פאַר'ן אָפּפאָהרען פון וולאַדימיר זשאַבאָטינסקי קיין דרום אַפריקא האָט איהם די רעוויזיאָניסטישע פאַרטיי איינגעאָרדענט אַ גרויסען באַנקעט. מיט רעדעס זענען אַרויסגעטרעטען זשאַבאָטינסקי, מאיר גראָסמאַן א. א.

רעארגאניזאציע פון דער ציוניסטישער ארבייט

ניו-יאָרק, 23 פעבר. (יט"א) אויף אַ באַנקעט פון „הדסה" האָט וואַרבורג געהאַלטען אַ לענגערע רעדע. וואַרבורג האָט צווישען אַנדערן ערקלערט אַז פון 1 אָקטאָבער וועט רעאָרגאַניזירט ווערען די ציוניסטישע אַרבייט. דאָס פערסאָנאַל פון דער אָרגאַניזאַציע וועט פיל פערקלענערט ווערען און עס וועלען אויך אָפּגעשאַפט ווערען פיל בעזונדערע קערפּערשאַפטען עס וועט געבילדעט ווערען איין עקזעקוטיווע, וועלכע וועט בעשטעהן נאָר פון 8 פּערזאָן.

רעגירונגס-קאמיסאר אין טאמאשאוו

וואַרשא, (טעל.) אַלס רעגירונגס-קאָמיסאַר אין טאָמאַשאָוו איז דורכ'ן אינערן-מיניסטעריום בעשטימט געוואָרען ה' סקאָווראָנסקי, וואָס נעמט שוין איבער זיין אַמט קומענדיגע וואָך.

פראצעס פון אומלעגאלע יודישע עמיגראנטען אין דאנציג

דאַנציג, (יטא) פאַר'ן הויגען געריכט זענען געשטאַנען 4 יודישע אַרבייטער פון פוילען, וועלכע אַ מאַקלער פון וואַרשא האָט געגעבען פאַלשע פּעסער, כדי צו קענען פאָהרען קיין אַמעריקא. אין דאַנציג האָט זיי דאָבער אַרויסגעשטעלט, אַז די פּעסער זענען געפעלשטע און זיי זענען אַרעסטירט געוואָרען.

די אָנגעקלאָגטע האָבען אין זייער געשילדערט זייער קריטישען מצב וויאַזוי זיי האָבען אָפּגעשפּאָרט אין משך פון מעהרערע יאָהרען אַ געוויסע סומע געלד כדי צו קענען מיגרירען קיין אַמעריקא. זיי האָבען נישט געוואוסט, אַז די פּעסער זענען געפעלשטע. דער ריכטער האָט אַלע 4 אָנגעקלאָגטע פריי געשפּראָכען און זיי ערלויבט צו פערבלייבען אין דאַנציג, נעמענדיג אין אַכט, אַז זיי זענען שוין אָפּגעקומען דערמיט, וואָס זיי זענען געווען פיר וואָכען אין אַרעסט.

פרויען אין פתח-תקוה קעמפען פאר וואהל-רעכט

ירושלים (יטא) די פרויען פון פתח-תקוה האָבען אונטער'ן לאָזונג רעכט געהען האַנד ביי האַנד מיט פער-אַנטוואָרטליכקייט" פערעפענטליכט אַ שאַרפען פראָטעסט געגען דעם, וואָס מען האָט זיי נישט געגעבען קיין וואַהל-רעכט בעת די וואַהלען פון לאָקאַלען-ראַט פון דער קאָלאָניע.

בלויז א"י האט געדעקט דעם טייל פון די פארמלחמה'דיגע טערקישע חובות

א"י-אינטערפעלאציעס אין ענגלישען פארלאמענט

לאָנדאָן (יטא) אויף דער לעצטער זיצונג פון ענגלישען פּאַרלאַמענט האָט סער הערבערט סעמועל, געוו. נציב העליון פון ארץ ישראל, אינטערפעלירט די רעגירונג, וועלכע טענות'ן עס האָט אויף די ביינ פון דער געוו. טערקישער אימפעריע האָבען שוין אויסגעצאָהלט זייערע טיילען פון די פאַר'מלחמה'דיגע אָטאָמאַנישע חובות.

געענטפערט אויף דער אינטערפּעלאַציע האָט דער איסטערן-מיניסטער אַרטור הענדערסאָן, וועלכער האָט ערקלערט, אַז ביז איצט האָט בלויז ארץ ישראל שוין אויסגעצאָהלט דעם טייל פון די טערקישע חובות. דאַנקען מיט די רעגירונגען פון איראַק און סיריען (פראַנצויזישער מאַנדאַט) ווערען נאָך געפיהרט אונטערהאַנדלונגען וועגען לעשען דעם חוב.

אויף אַן אָנפראַגע פון דעפ. מ. מאַרקום א יוד, ליבעראַליסט) ערקלערט דער אונטערשטאַטס-סעקרעטאַר פאַר קאָלאָניען ענינים ד"ר ד. שילס, אַז ביז איצט האָט נאָך דער קאָלאָניאַל-אַמט נישט בעקומען קיין בעריכט וועגען דער הויפּט אינספּעקטאָר פון דער ארץ ישראל פּאָליציי קאָל. דאַוביגין וועגען דער רעאָרגאַניזאַציע פון דער פּאָליציי, וואָס איז פאָרגעקומען דערמיט שטעהן די פראַגען וועגען בעפעסטיגען די זיכערקייט פון די יודישע קאָלאָניעס אין לאַנד.

יודישע קינסטלער בעקומען דעם ערשטען פריז אויף אן אינטערנאציאנאלער אויסשטעלונג פון פרויען-קינסטלערינס

בערלין (יטא) אויף דער אינטערנאַציאָנאַלער אויסשטעלונג „די אינטימע פרוי", אין וועלכער עס האָבען זיך בעטייליגט אויסשליסליך פרויען-קינסטלערינס אין דער ערשטער פריז אָנערקענט געוואָרען דער יודישער קינסטלערין שאַלאָם פאַר'ן בילד „אַ רוסישע עמיגראַנטין אלס באַר-דאַמע".

ארכעאלאגישע געזעלשאפטען פראטעסטירען געגען די לעצטע פעראָרדנונגען פון דער א"י-רעגירונג בנוגע אלטערטימליכע פארשונגען

ירושלים (יטא) אַ ריי אַרכעאָלאָגישע געזעלשאַפטען פון דער גאַנצער וועלט האָבען איבערגעגעבען דער ארץ ישראל רעגירונג אַ מעמאָראַנדום, אין וועלכען זיי טרעטען אַרויס געגען דער לעצטער פעראָרדנונג פון דער ארץ ישראל רעגירונג, וואָס בעשרענקען בעדייטענד די אַלטערטימליכקייטען פאָרשונגען.

פון דער פילאלאגישער סעקציע ביים יודישען וויסענשאפטליכען אינסטיטוט

(א בריוו אין רעדאקציע)

זעהר חשובע רעדאַקציע,

מיר בעטען אייך אָפּדרוקען אין אייער צייטונג די פאָלגענדע שורות:

די פילאָלאָגישע סעקציע פון יודישען וויסענשאַפטליכען אינסטיטוט האָט אָפּגעדרוקט אַ אַנקעטע וועגען דעם מין פון די זאַכווערטער אין יודיש. דער צוועק פון דער אַנקעטע איז אויסגעפינען דעם פאַקטישען שפּראַך בענוץ און ממילא אויך די פּרינציפּען לויט וועלכע דער בעגוץ פון דעם גראַמאַטישען מין אין דער יודישער שפּראַך דאַרף פערוואַנדעלט ווערען. וואָס מעהר ענטפערס די סעקציע וועט אַריינבאַקומען, אַלץ בעסער וועט זי קענען אָפּטאָן איהר אַרבייט.

הגם דאָ געהט וועגען אַ ריין וויסענשאַפטליכער אויפגאַבע, קען אָבער פאָרט ענטפערען אויף דער אַנקעטע יעדער איינער מעלדענט מענש. קיין שום פילאָלאָגישע פאַך קענטענישען זענען נישט נייטיג, און פאָרט קען מען דורך אַ קליינער מיה בריינגען גרויס נוצען דער יודישער שפּראַך פאָרשונג. מיר זענען דעריבער זיכער, אַז אַ סך לעזער פון אייער בלאַט וועלען זיך אָפּרופען און אונז קומען צו הילף.

אַלע פערזאָנען, וועלכע זענען געבעטען צוצושיקען אויף אַ פּאָסט קאַרטעל זייערע אַדרעסען, וועט זיי דער יוואָ אַרויסשיקען די אַנקעטע מיט די געהעריגע אינסטרוקציעס.

מיט גרוס חבר-אָרט
ד"ר מ. ווינרייך.
פילאָלאָגישע סעקציע
וויסענשאַפטליכער סעקרעטאַר

דער אַדרעס פון יוואָ:
Żydowski Instytut Naukowy
W. Pohulanka 16, Wilno.

געשטארבען די פרוי פון תל-אביב'ער בירגערמייסטער

פיל אראבישע דעלעגאציעס געקומען צו דער לויה

תל-אביב, 23 (יט"א) נעכטען איז דאָ געשטאָרבען די פרוי פון תל-אביב'ער בירגערמייסטער דיזענהאָף. די לויה וואָס איז פאָרגעקומען אין דער פריה איז געווען זעהר אַ אימפּאָזאַנטע.

עס זענען נעקומען פיל דעלעגאַציעס פון די קאָלאָניעס און אויך פיל אַראַבישע דעלעגאַציעס. עס האָבען זיך אויך בעטייליגט פיל אַראַבישע בעאַמטע. די זיצונג פון תל אביב'ער שטאָט-ראַט, וואָס האָט געזאָלט פאָרקומען נעכטען אָוונד, איז אַלס צייכען פון טרויער אָפּגעלעגט געוואָרען.

באראן לודוויק האטוואני בעפרייט פון תפיסה

בודאַפּעשט (יטא) דער בעקאַנטער זשורנאַליסט און פּאָליטיקער באַראָן לודוויק האַטוואַני, וועלכער האָט שאַרף געקעמפט געגען רעאַקציאָנערען טעראָר אין אונגאַרן און איז אין ציוניסטישען געזעלשאַפט דערמיט אין יאָהר 1928 פערמשפּט געוואָרען אויף 2 יאָהר תפיסה, איז איצט נאָכ'ן אָפּזיצען אַ העלפט פון דער שטראָף בעפרייט געוואָרען אויפ'ן סמך פון אַמנעסטיע.

דער אַרטיקעל איבער באַראָן האַטוואַני האָט זעהר צוגעטראָגען אַרויסגערופען שטורמישע פּראָטעסטען אין דער גאַנצער ציוויליזירטער וועלט. באַראָן האַטוואַני איז פון יודישער אָפּשטאַמונג.

היינט גרויסע בעראטונג אין „קרן-היסוד" מיט דער בעטייליגונג פון ד"ר אלעקסאנדער גאלדשטיין

היינט, 9 אָוועגד קומט פאָר אין לאָקאַל פון „קרן היסוד" (צעגעלניאַנאַ 4) אַ וויכטיגע בעראַטונג מיט דער בעטייליגונג פון חשוב'ן גאַסט, ד"ר אַלעקסאַנדער גאָלדשטיין, וועלכער וועט רעפערירען וועגען דער פּאָליטישער סיטואַציע אין ציוניזם און אין א"י.

צו דער פערזאַמלונג זענען איינגעלאַדען געוואָרען די אָנגעזעהענסטע ציוניסטישע און נאַציאָנאַלע עסקנים פון דער שטאָט. דער איינגאַנג איז לויט איינלאַדונגען.

רענטשניצע

פון דאָקטוירים-ספּעציאַליסטען און צאהן-ערצטליכער קאַבינעט

17 זגערזשער 17, טעל. 16-33

ד"ר ראַמאַוואָסקי	גאַל, האַלז און אויערען-קראַנקה.	11–10; 3–2; 7–6
ד"ר יוסטמאַן	כירורגען קראַנקהייטען	3–12
ד"ר רוזשאַנער	הויט- און גע-שלעכטס-קר.	11–10; 2–1
ד"ר ראָזענצווייג	קינדער-קראַנקהייטען	12–10; 5–4
ד"ר פּאַפּיערני	פרויען און געבורטס-הילף	1–11.30; 6–5
ד"ר גאָלדשטיין-פאָלאַס	אינערע-קראַנקהייטען	2–1; 8–7
ד"ר קאַנטאָר	כירורגישע קראַנקהייטען	5.30–4.30
ד"ר ווייַנבערג	אינערע, מאָגען, הערץ, לונגען	1–12; 5.30–6.30
ד"ר סטופּעל	רענטגען	2–12; 6–40
צאהן-אַרצט א. בראָזשענטשיק / ג. ראָזעס	צאהן- און מויל-קראַנקהייטען	9–37; 11–10

קינסטליכע העהענזאָנגע-בעשטראַהלונג – פּאָקען-שטעלען.

אַ רענטגען-אינסטיטוט

קוואַרץ-לאַמפּ, דיאַטערמיע און עלעקטראָ-מעדיצין קאַבינעט.

וויזיטען אין שטאָט. — : — אָפען אויך זונטאָג.

אַלע אַרט מעדיצינישע אַנאַליזען. —— קורסען פאַר שטאַמלער.

אימפּונגען געגען שקאַרלאַטינע.

ערצטליך-קאָסמעטיש-קאַבינעט

פּראָפ. מ. מאַרקוס נעמט אָן פון 5–7. פּרעגנט.

דער שלאָגער פון די פערוויילונגען פון דעם היי-יעהריגען קאַרנאַוואַל

גרויסע

פרעסע-רעדוטע

זאַל פילהאַרמאָניע נאַרוטאַוויטשאַ 20

דעם 3. מערץ

בעאַמטער פון לאָדזער בירגער-קאָמיטעט שיקאַנירט יודישע אַרבּייטסלאָזע

ביי הונדערטער יוד. קינדער ווערט אָפּגענומען די לעצטע האָפנונג פון אַ ביסן ברויט

צו דער אויפמערקזאַמקייט פון וואָיעוואָדאַ יאַשטשאָלט

דער לאָדזער בירגער קאָמיטעט, וועל- כער איז געשאַפען געוואָרן אויף דער איניציאַטיווע פון וואָיעוואָדאַ אַשטשאָלט, האָט אוראי אַגאַנץ גוטע פּונות. די גרינ- דער פון קאָמיטעט האָבען זיך אין דער איצטיגער שווערער קריזיס-צייט גע- שטעלט אַ זעהר שעהנע און הומאַנ. טאַ- רע אויפגאַבע: דרינגענדע הילף. געבען די הונגעריגע ברויט.

דעם הונגעריגען מאָגען קאָן מען אָבער נישט איינטיילען אין צוויי קאַטע- גאָריעס: אין אַ קריסטליכען און אין אַ יודישען מאָגען. דער בירגער-קאָמיטעט האָט געוויס. ביי זיין גרינדונג נ.שט גע- וואָלט מאַכען קיין אויסנאַהמען פאַר די הונגעריגע און פער'חושב'טע יודישע אַר- בייטסלאָזע.

וואָס קומט אָבער אַרויס פון דעם גע- טען ווילען פון די איניציאַטאָרען פון'ם בירגער-קאָמיטעט, אַז געוויסע בעאַמטע פון דעם דאָזיגען קאָמיטעט זענען אַנגע- זאַפט מיט שנאה צו יודען און דער יודי- שער אַרבּייטסלאָזער האָט ביי זיי אויס- צושטעהן שיקאַנעס.

דער הונגעריגער מאָגען פון דעם באַ- קומער יודישען אַרבּייטסלאָזען האַנדוועַ- בער האָט די זעלבע רעכט אויף די שטי- צע פון'ם קאָמיטעט, וואָס דער נישט- יודישער אַרבּייטסלאָזער, און דאָך, סוי- מען צו אונז אין רעדאַקציע אַריין פער- צווייפעלטע מענשען און דערצעהלען, אַז דער לייטער פון'ם ביוראָ אויף מאַטעיקאַ וואָס רעגיסטרירט די פעטענטען אויף דער שטיצע, וויל זיי אַפילו נישט אויס- הערען. קוים זעהט ער, אַז דער פעטענט איז אַ יוד, הת'מעט ער אויהם באַלד אָפּ דעם גזר מיט אַ רויטער בליי-פעדער אויף דעם אַרבּייטסלאָזען-שיין און פער- האַקט פאַר אויהם די טיר.

וואָלט דאָס געווען אַ פעראיינצעלטער פאַל, וואָלטען מיר אפשר וועגען דעם נישט געשריבען. דער לייטער פון ביוראָ אויף מאַטעיקאַ האָט שוין אָבער ווייזט אויס, איינגעפיהרט אַזאַ סיסטעם גע- גען דעם הונגעריגען יודישען מאָגען, און דאָס טאָר נישט געדולדעט ווערען!

בלויז אין משך פון נעכטיגען טאָג זע- נען צו אונז געקומען צעהנדליגער הילפ- לאָזע, נידערגעשלאָגענע יודען, וואָס האָ- בען פּלוצלונג פאַר זיך דערזעהן, ווי דאָס לעצטע רעטונגס-ברעט ווערט זיי אַוועק- גענומען פון אונטער די פיס. און דאָס זענען מענשען בעווייבטע, זייערע קליינע קינדער אינדערהיים האָבען אויסגעקוקט אויפ'ן שטיקעל ברויט, וואָס דער אָרי- מער טאַטע האָט געזאָלט ברענגען פון בירגער-קאָמיטעט.

און די טאַטעס זענען אהיימגעגאַנגען. זיי האָבען געמיינט, אַז דאָ, ביים אָנ- בליק פון גרויליגערען עלענד, וועט מען לאָמיש נישט מאַכען קיין אונטערשיד פון אַ יוד און אַ נישט-יוד.

אָבער דאָס קליינע ביוראָקראַטעלע, אויף דער מאַטעיקאַ גאַס האָט זיי דעם חלום פון זאַרימען שטיקעל קצבה-ברויט אויך צוגענומען.

מיר ווייסען, אַז די פּונות פון וואָיע- וואָדע זענען געווען גאַנץ אַנדערע. מיר האָבען זיך דערום על פּי פּנים געקענט רופען, אַז אָט אויף דעם גבּוט וועט נ.שט אַנגעהן קיין פּאַליטיק פון שוקאַ- גירען יודען

די אַנפיהרענדע אָרגאַנען פון'ם בור- גער-קאָמיטעט דאַרפען דערום נישט דער- לאָזען, אַז עמעס דאַרט אַ בעאַמטער. וואָס איז צופעליג געוואָרן דער ממונה איבער'ן נפש פון די אַרבּייטסלאָזע, זאָל איינפיהרען אַ יודען-קאַטאַסטער דאָ, וואו עס מוז, לויט אַלע געזעצען, הערשען גלייכהייט פון אַלעמען.

עס האַנדעלט זיך וועגען הונדערטער קליינע קינדער, וואָס זייער לעצטע האָפ- נונג איז איצט דאָס שטיקעל ברויט פון בורגער-קאָמיטעט!

פון 1. מערץ וועט דאָס הייל-וועזען אין לאָדזער קראַנקען-קאַסע רעאָרגאַניזירט ווערען

(§) דער הויפּט-דאָקטאָר פון דער לאָ- דזער קראַנקען-קאַסע ד"ר אַגוסלאַווסקי האָט אויפ'ן צוזאַמענפאָהר פון די הויפּט דאָקטוירים פון די קראַנקע-קאַסע פאָר- געלעגט אַ פּראָיעקט צו רעאָרגאַניזירען דאָס הייל-וועזען אין דער קראַנקען- קאַסע. דער פּראָיעקט ווערט איינגיכען איינגעפיהרט אין דער פּראַקטיק פון דער לאָדזער קראַנקען-קאַסע.

עס וועלען איינגעפיהרט ווערען ראַ- יאָנען מיט אַ געהעריגע צאָהל הויז- דאָקטוירים האַלב-קליניקעס א.אַ.וו. דער רעגירונגס-קאָמיסאַר ד"ר לאַפּושינסקי האָט וועגען דעם שוין אַרויסגעגעבען אַ פאַראָרדנונג, וועלכע געהט אַריין אין קראַפט פון 1. מערץ.

היינט ז. קוואַרטינס קאָנצערט אין פילהאַרמאָניע

אַלע ווייסען שוין איצט, אַז דער וועלט- בערימטער חזן און וואונדערבאַרער- זינגער זיידל קוואַרטין פון ניו-יאָרק וועט היינט, מאָנטאָג אויפטרעטען אויף אַ קאָנצערט אין „פילהאַרמאָניע".

ביים היינטיגען טאָג איז קוואַרטין איינער פון די געצעהלטע חזנים, וועל- כע לאָזען פון זיך הערען ווייט איבער גרענצען און ים'ען.

לאָדז האָט היינט, די מעגליכקייט צו הערען קוואַרטינ'ען מיט די איינגענע אוצר'ן און בעוואונדערן זיין נגינה און זיין אופן פון בעהערשען דאָס פּובלי- קום.

אַזאַ געלעגענהייט טרעפט זיך נישט אָפט.

ציִ איז מעגליך אַ פּראָוויזאָרישע אויסמעסטונג פון אומזאַץ-שטייער

אינטערעסאַנטער פּסק-דין פון העכסטען אַדמיניסטראַ- טיווען טריבונאַל

[illegible] געריכט האָט בעטראַכט [illegible] שטייער-צאָהלער פאַר [illegible] בעשטימט געוואָרן אַ [illegible] ערקלערונגען בנוגע [illegible] די שאַצינגס-קאָמיסיע [illegible] אָגען. דערביי האָט די [illegible] געוואַרט אויף די גע- [illegible] ערקלערונגען און פאַר'ן [illegible] אויסמעסטען זיין שטייער און [illegible] די שפעטער-אָפּגעגע- [illegible] געגען דערנאָך ערגענצט [illegible] מעסטונג.

דאָס העכסטע טריבונאַל האָט גע- אורטיילט, אַז די אויפקלערונגען פון שטייער-צאָהלער קאָנען בעטראַכט ווע- רען נאָר אין גאַנג פון דער נאָרמאַלער שאַצונגס-אַרבּייט- וואָס ענדיגט זיך מיט אַרויסגעבען דעם שטייער-צאָהלער אַ „נאַקאַז". דעריבער דאַרף די אויסמעס- טונג, וואָס איז געמאַכט געוואָרן דורך דער מאַכט פּראָוויזאָריש, ווי אין געגע- בענעם פאַל, בעטראַכט ווערען פאַר דער ענדגילטיגער שאַצונג.

לאָדז
1930 24 פעברואַר
זון-אויפגאַנג 6.42
זון-אונטערגאַנג 4.58

מאָנטאָג, כ"ו שבט תר"ץ פ' משפטים

טאָג-כראָניק

פאַראָרדנונג

וועגן היגיענע אין די שולעס.

(§ די לאָדזער וואָיעוואָדזטווע האָט [illegible] פון אינערן-מיניסטעריום [illegible] וועגן אַכטונג-געבען אויף [illegible] ריינקייט פון שול-לאָ- [illegible] קאַלען מוזען זיין גענוג [illegible] יעדען קינד זאָל זיין [illegible] 5—6 קוביק-מעטער לופט.

טעלעפאָן פון לאָדז

[illegible] האָלאַנד און שוועדען

[illegible] איז איינגעפיהרט גע- [illegible] טעלעפאָנישע קאָמוניקאַציע [illegible] און האָלאַנד. אַ נאָרמאַ- [illegible] געשפּרעך קיין האָ- [illegible] שווייצאַרישע פראַנק און [illegible] איצט איז אויך איינגע- [illegible] אַ טעלעפאָנישע קאָמו- [illegible] לאָדז און די שווע- [illegible] פון 3 מינוט קאָסט [illegible] אַנק און 60 סאַנטים.

ראַדיאָ פּראָגראַם

מאָנטאָג 24 פעברואַר

וואַרשאַ (1412)

11.58 שעה צייכען
12.05—13.10 גראַמאָפאָן פּליטען מוזיק
16.45—17.15 " " "
17.45—18.45 לייכטע מוזיק פון קאַפע „גאַסטראָ נאָמיע"
19.25 גראַמאָפאָן-פּליטען-מוזיק
19.40 ידיעות
20.30—22.— „אַגרי" אָפּערעטע פון סטעפאַן
22.15 וועטער און ספּאָרט בעריכטען
22.35 לעצטע, נייעס
23—24 טאַנץ מוזיק פון רעסטאָראַן „אָאַזיס"

ווילנאַ (385)

12.05-13.10 פּאָלקסטימליכער אָרקעסטער קאָנצערט
16.15 טראַנסמיסיע פון אויסלענדישע סטאַציעס
23.— " " " "

פּויזען (335)

17.50—18.15 קלאַוויר קאָנצערט
19.05 הומאָריסטישער פּאָרטראַג
19.50—20.10 רעציטאַציעס

אויסלענדישער ראַדיאָ-פּראָגראַם

האַמבּורג (372)

16.40 פאָלקסלידער קאָנצערט
20.15 סימפאָנישער "

מינכען (533)

19.35 IX סימפאָניע פון בעטהאָווען

שטאָקהאָלם (1348)

19.50 כאָר-קאָנצערט (רוסישע מוזיק)

קאָפּענהאַגען (1153)

20.— כאָר-קאָנצערט

דאַווענטרי-עקספּערימענטאַל (479)

20.10 אָפּערע

וויען (517)

20.05 סימפאָנישער קאָנצערט

בודאַפּעסט (550)

20.30 קאָנצערט פון בודאַפּעסטער אָפּערן-כאָר

באַרצעלאָנאַ (268)

22.30 „די נישט פאַרענדיגטע סימפאָניע" פון שוּבּערט

קעניגסוואוסטערהויזען (1635)

0.30 סימפאָנישער קאָנצערט

אַ פּאָסט-קאַרטעל פון לאָדז קיין פּיעטראָקאָוו געהט פיער און אַ האַלבען חודש

די פּעטריקאָווער „אונזער צייטונג" מעלדעט: ה' מ. האָראָוויטש האָט היינ- טיגען דינסטאָג דערהאַלטען אַ קאַרטעל פון לאָדז, וואו דער פּאָסט סטעמפּעל איז דאַטירט פון X. 1 1929 ד. ה. נישט מעהר און נישט ווענ.גער פון ראש השנה ביז חמשה עשר בשבט, אַ צייט- מע"כ! וואָס נענוגענד אויף אַ קאָ־עס- פּאָנדענץ קיין אַפריקע אויף הין און צו- ריק...

וואָס ווערט היינט געשפּילט

אין טעאַטער | אין קינאָ

אררט: „זי געלעבט".
שטאָטיש טעאַטער: „פאָטער"
קאַמעראַל טעאַטער: „אָקטאָבער טאָג"
פּאָפּולאַרני: „אינזער וויבעל"
קאַסינאָ: „די אייזערנע מאַסקע".
לונאַ: „פאַר'ן אורטייל".
ספּלענדיד: „דער געפאַלענער מלאך".
גראַנד-קינאָ: „שלאָפלאָזע נעכט — שרעקליכע נעכט".
פּאַלאַס: „אַ פּאַסיאָנאַטע"
קאַפּיטאָל: „די זינד פון די אבות".
אָדעאָן: „די געליבטע פון דער מאַנשאַפט"
ספּולדזשעלניאַ: „מאָרגען פּרעמיערע „אונ- טער דער בייטש פון דער בייטש".
זאַכענטאַ: „דאָס גאָלדענע גיהינום"
וואָדעוויל: „די געליבטע פון דער מאַנשאַפט"
אַפּאָלאָ: „די פרוי אויף דער לבנה"
טשאַרי: „די לעצטע פּאַסירונגען פון טאַרזאַן"
קאָרסאָ: „די געלע קאָנטראַבאַנדיסטען"
אַשוויאַטאַוויִ: „גראַף מאָנטע כריסטאָ".

אַ יודישער יונגערמאַן איז דער העלד פון גאַנצן שפּאַנישן פאָלק

סידני פרענקלין גרעסטער אָקסען-קעמפער אין שפּאַניע

[illegible] דאָ געשאַפען אַ נייע שולע אין אָקסען-קאַמף. — ער איז דער ערשטער יוד, וואָס [illegible] אַרויף אויף אַן אַרענע צו בעקעמפען אָקסען אין די אַלע ואכען געדענקט נאָך סידני, ווי אַזוי מען לייגט תפילין.

[illegible] אַ שפּאַניש יונגעל און [illegible] פעדראָ דער דינסטער- [illegible] ער אויף אייך אָנשטע- [illegible] און קוקען אויף אייך [illegible] נעם; ווען איהר אָבער [illegible] דערמאָנען דעם נאָ- [illegible] פרענקלין, וועלען איהם [illegible] אויגן און ער וועט אייך [illegible] דערצעהלען ניסים ונפלאות, [illegible] אַליין בעגייסטערט ווי [illegible]

[illegible] ([illegible]

[illegible] מיט איהם (שטאַנטען [illegible] פון מאַדריד, האָבען [illegible] נאָכגעקוקט; און אָנהויב [illegible] אַז דאָס קוקט מען [illegible] אַ פּרעמיער! — [illegible] אמת איז געווען, אַז גע- [illegible] אויף איהם, אויף דעם [illegible] וואָס איז אַהערגעקומען, [illegible] צו בעווייזען דעם [illegible], ווי אַזוי מען דער [illegible] אָקס מיט אַ חן [illegible]

[illegible] אַ יונגער בחור, ערשט [illegible] צוריק איז ער געוואָ- [illegible] און דער טאַטע זיינער [illegible] געפּרעהט מיט זיין [illegible] סידני האָט נאָך גע- [illegible], נאָר ער איז חוץ דעם [illegible] קינד. צו זעכצען [illegible] יונגער פרענקלין זיין

געקומען צו מאָלערייַ און אין אַ קונסט- צייט אַרום האָט ער מאַקע געמאַכט אַ סך געלד, צושטעלענדיג געלונגענע צייכ- נונגען פאַר רעקלאַמעס און צייטונגען און זשורנאַלען.

דאָס מזל האָט איהם פערטראָגען קיין קאַליפאָרניען און פון דאָרטען קיין מעקסיקאָ, וואו ער האָט זיך אַליין בעשעפטיגט מיט זיינע צייכנונגען, אָבער ווען די געשעפטען האָבען אָנגעהויבען גערן שוואַכער, האָט סידני איינגעזעהן, אַז אָקסען-קאַמף קען אַמאָל ווערען אַ גוטע געשעפט און ער האָט זיך אָנגעה- הויבען שטאַרק אינטערעסירען מיט אָט דער נייער פּראָפעסיע.

אין מעקסיקאָ זענען אָקסען-קאַמפען פּאָפּולער, נישט אין אַזאַ מאָס, ווי אין שפּאַניען, אָבער פאָרט קומען דאָרט פאָר אַזעלכע קאַמפען הונדערטע מאָל אין יאָהר.

סידני האָט אָנגעהויבען לערנען און האָט זיך אויסגעלערנט. ער האָט געאַר- בייט אויף אַ פאַרם, וואו די אָקסען ווע- רען צוגעגרייט צום קאַמף און האָט דאָרט געלערנט אָקסישע פּסיכאָלאָגיע. איהר דאַרפט וויסען, אַז דער אָקס, וואָס ווערט בעשטימט פאַר'ן קאַמף אויף דער אַרע- נע, איז נישט אַבי-ווער. אַזעלכע אָקסען זענען גרויסע מיוחסים, און זיי ווערען אויפגעצויגען מיט אויסערגעוועהנליכער אויפזיכט. צוערשט קלייבט מען אויס די מאַמע, וואָס דאַרף געבוירען דעם

אָקס. די מאַמע ווערט געפּיטערט מיט ספּעציעלע מאכלים, מען פּרובט איהר בלוט און מען זעהט זי אָפּ, ווי אַנ'אַ'נ אין קאָפּ, און אַז זי וואַקסט אויס און ווערט ראוי צו בעגליקען די וועלט מיט אַנ'אָקס פאַר דער אַרענע, הויבט מען אָן צוצוקלייבען אַ טאַטע. דער טאַטע, פערשטעהט זיך, מוז זיין נישט ווענינגער מיוחס פון דער מאַמע, און דאָס קינד- אָקס, וואָס ווערט פון זיי ביידען געבוי- רען, הייבט אָן קריגען זיין „דערציהונג" פון דער ערשטער מינוט, וואָס ער דער- זעהט די ליכטיגע וועלט.

די „דערציהונג" הייסט ווילדקייט. מען האַלט איהם אַזוי, אַז ווען ער וועט אַ"י כקומען פאַר דער וועלט און זעהן נייע זאַכען, זאָל ער ווידער ווערען ווילד און האָבען אַ [illegible]

רגע, מען מוז צוערשט אַביסעל אָפּטעמ- פען זיין צאָרן און דערפאַר שיקט מען אַרויס געגען איהם עטליכע פערד, — אַלטע, אָפּגעלעבטע פערד — און מיט זיי ספּראָוועט ער זיך צוערשט. אַז דער אָקס גיט אַ זעץ אַ פערד מיט זיינע הער- נער, בלייבט דאָס פערד טויט אויפ'ן אָרט, און דאָס איז אַ שרעקליך בילד, נאָר די שפּאַניער האָבען דערפון גרויס הנאה. זעהר אָפט זיצט אויפ'ן פערד אַ ריטער. וועלכער האַלט לאַנגע שפּיזען, מיט וועלכע ער צולט דעם אָקס אין קאַרק אַריין. דער ריטער ראַטעוועט אַמאָל דאָס פערד דורך דעם, וואָס ער שלעפּט איהם אַוועק אין אַנ'אַנדער ריכטונג פון דעם אָקס'ס ציל, אָבער עס טרעפט אויך אַמאָל, אַז דער ריטער בעצאָהלט מיט זיין לעבען, פונקט ווי דאָס פערד.

כדי צו מאַכען „מענשליכער" דאָס אויס'הרג'ענען פון פערד, שנייט מען איהם צוערשט איבער די האַלז-פענ-טער, כדי מען זאָל נישט הערען דאָס שרעק- ליכע הירזשען, ווען עס ווערט בעפאַלען פון ד' מאַקס, אָבער די דאָזיגע „מענשלי- קייט„ איז אַזוי ברוטאַל, אַז אין קיין אַנ- דער לאַנד וואָלטען ציוויליזירטע מענשען דאָס נישט געוואָלט צולאָזען.

ווען דער אָקס איז פאַרטיג געוואָרען מיט די פערד און האָט אַרויסגעלאָזען פון זיך אַביסעל „רויטע זופּ", דערשיינט אויף דער אַרענע דער מאַטאַדאָר, אָנגע- טאָן אין זייערע קליידער מיט זילבערנע און גאָלדענע בעפּוצונגען. דער מאַטאַ- דאָר בלייבט אַליין מיט דעם אָקס און זיין לעבען איז אין נעפאַהר יעדע מינוט. נישט גבורה שפּילט דאָ אַ ראָל, נאָר שכל. דער אָקס בעזיצט בעדע, אָבער דער מאַטאַדאָר מוז אָנקומען נאָר צו שכל. ער וויקעלט אויף אַ רויטע טוך און פאָכעט מיט דער טוך אין אַלע זייטען, ווען דער אָקס דערזעהט, אַז עפּעס בעוועגט זיך, לויפט ער דערנאָך און דער ריכטונג פון טוך, אָבער דער מאַטאַ- דאָר דאַרף זעהן, אַז ער זאָל זיך פער- מייַדען מיט די הערנער און טוך און

נישט אין איהם. מאָמער פערגלוסט זיך אַמאָל דעם אָקס צו ציִלען נישט אין טוך אַריין, נאָר פון דער זייט, — איז אָך און וועה צום מאַטאַדאָר.

און אַזוי דאַרף דער מאַטאַדאָר זיך שפּילען מיט'ן אָקס און איהם רייצען. פון דער זייט לאָזט איהם דער מאַטאַ- דאָר זעהר אָפט אַריין אַ שפּיז אין קאַרק, דאָס רייצט אויף דעם אָקס צו גרעסע- רע ווילדקייט, און דער עולם ווערט דאַן משוגע פון פרייד. ווען דער מאַטאַדאָר האָט זיך שוין גענוג אָנגעשפּילט מיט'ן אָקס, אַזוי, אַז דער עולם האָט שוין גע- האַט גענוג אויפרעגונג, גרייט ער זיך צו צום לעצטען אַקט.

דער לעצטער אַקט בעשטעהט אין דערשטעכען דעם אָקס. דער מאַטאַדאָר האַלט אין האַנד אַזאַ מין שווערד, וואָס ער מוז אַריינשטעכען אין רוקען פון אָקס אויף אַ געוויסען פּלאַץ, כדי איהם צו טויטען. ער מוז דעם אָקס אַנרייצען מיט'ן טוך נאָהענט צו זיך, און ווען דעם אָקס'ס קאָפּ האָט זיך פערפּלאָנטערט אין דעם טוך, ניצט דער מאַטאַדאָר אויס די געלעגענהייט און זעצט אין איהם אַריין דעם שווערד.

דער אָקס פאַלט און דער מאַטאַדאָר ווערט בעגנאַדעט מיט אַזאַ ליאַרם און גיוואַלד, אַזאַ ווילדען אויסגעשריי, אַז מען רייַ- הערען מיילען ווייט.

ווען סידני פרענקלין איז געקומען קיין שפּאַניען און האָט געלאָזט וויסען, אַז ער איז גרייט צו קעמפען מיט די בעסטע אָקסען אין לאַנד, האָט מען אויף איהם געקוקט סקעפּטיש. אַ סך האָבען געלאַכט ווייל קיינער האָט נאָך דאָ נישט גע- הערט. אַז אַ „יענקי" זאָל זיין אַ מאַ- טאַדאָר. ער האָט געמאַכט זיין ערשטען אויפטריט אין סעוויל לעצטען אַפּריל — אין סעוויל איז די מוטער פון אָקסען- קאַמף — און ער האָט געוואונען אַזוי- פיל אָנערקענונג, און דאָס גאַנצע לאַנד האָט איהם תיכף פּראָקלאַמירט פאַר אַ זשעני.

פרענקלינ'ס גרויסע טינסט בעשטעהט אין דעם, וואָס ער ווענדט אָן אַ סך שפּאַ- לעהדונקייט און קאַמף און איז אוי- כערגעוועהנליך קאַלטבלוטיג. ער שמיי- כעלט זעהר אָפט, ווען דאָס לעבען איז אין דער גרעסטער גפאַהר, און ווען אַ אָקס האָט איהם איין מאָל אין מאַדריד געגעבען אויף די הערנער ביים גאַרטעל און מי מאַחם אַרומגעטאַנצט אויבען דער אַרענע און דער עולם איז געוואָ- רען זעהר ווילד, האָט סידני געשמייכעלט און באַלד געפונען אַ וועג, ווי אַזוי זיך צו בעפרייען פון דעם אָקס'ס הערנער. דער דונער-אַפּלאָז נאָך אָט דעם קונסט- שטיק א.ז געווען אין לשער.

פרענקלין בעזיצט אַ סך רוהם, ער איז צוריקגעהאַלטען און בעוועגט זיין קערפּער מיט אַ סך עלעגאַנץ און געהט במעט אויף די שפּיץ-פינגער, בעת אַ ווילדע חיה לויפט אַנטקעגען איהם. ער דערפיהרט אַלעמען און אומישנע דעם קאַמף צו געפעהרליכע מאָמענטען און דאָס הנאה, ווען ער דרעהט זיך אַרויס פון נעפאַהר מיט אַ לייכטען בויג פון די פּלייצעס.

אין דערפאַר ווערט ער פערגעטערט.

סידני האָט מיר געוויזען די אַלע בעי- וועגונגען פון קאַמף און מען קען פער- שטעהן. אַז אַנ'עולם זאָל ווערען שטאַרק אויפגערעגט מיט אַלע שפּאַנונגען פון דעם קאַמף אָבער, איז עס אַ ברוטאַלער, בלוט-פערגיסערישער ענין, וואָס טאָר נישט מאַלעריזירט ווערען אין אַ ציוויליזיר- טען לאַנד.

— און איך געדענק אייך זעהר, — האָט זיך סידני צו מיר געווענדעט, — ר'עט נישט דאָ אין שפּאַניען וועגען מיר, אַז איך בין אַ יוד. זיי דאַרפען עס נישט וויסען, צו וואָס? איך וויל נאָר אייך פער- זיכערען, אַז די האַנד, וואָס שטעכט אַנ' אָקס אויף דער אַרענע, וויקעלט אויף די רצועה פון תפילין אונטערפירה ביים דאַווענען...

צ. ה. רובינשטיין.

לאָדזער טאָגעבלאַט

ד ר רעדאַקטאָר יעמט-אָן פון 6 ביז 7 אין אָוונט.
ניט בעשטעלטע מאַנוסקריפטען ווערען ניט צוריקגעשיקט.

אדרעס: "Lodzer Tageblat", Łódź, Piotrkowska 16 Skrz. poczt. 16
טעלעפאָנען: רעדאַקציע 10057. אדמיניסטראַציע 100 47

די נייע רעגירונג אין פראַנקרייך.

דער רעגירונגס-קריזיס אין פראַנקרייך איז זעהר שנעל ליקווידירט געוואָרען. ערום און ערום האָט דער קריזיס נישט געדויערט מעהר ווי גאַנצע אַכט טעג. א זאַך, וואָס איז א גרויסע זעלטענהייט אין פאַרלאַמענטאַרישען לעבען פון פראַנקרייך. די שוואַרץ-זעהער זאָגען אָבער נביאות, אַז פונקט אַזוי שנעל ווי דער נייער קאַבינעט איז געשאַפען געוואָרען, אַזוי שנעל וועט ער אויך פאַלען, און פראַנקרייך וועט נאָך בקרוב שטעהן פאַר א נייעם רעגירונגס-קריזיס. דער ראַדיקאַלער פעסימיזם איז אין א געוויסער מאָס בערעכטיגט. די נייע רעגירונג האָט א ראַדיקאַל-לינקען צוזאַמענשטעל דאָס איז איינהייטליך אַ קאַבינעט, ווי עס וואָלט געזאָלט געשאַפען ווערען מיט א פאַר חדשים צוריק. איידער טאַרדיע האָט געשאַפען זיין רעגירונג.

די ראַדיקאַלען האָבען דאַן נישט געשאַפען די רעגירונג, ווייל די סאָציאַליסטען האָבען זיך אָן איהר נישט געוואָלט בעטייליגען.

איצט איז אָבער די לאַגע אויך נישט אַנדערש. די סאָציאַליסטען זיינען אין דער איצטיגער רעגירונג אויך נישט אַריין. זיי האָבען נאָר צוגעזאָגט א שטילע אונטערשטיצונג, און אויף דעם סמך פון דער דאָזיגער אונטערשטיצונג האָט דער פיהרער פון די מעסיגע ראַדיקאַלען שאָטען געשאַפען די רעגירונג. ביי דער אונטערשטיצונג פון די סאָציאַליסטען האָט דער איצטיגער קאַבינעט אַרום און אַרום א קליינע מעהרהייט פון א פינף צעהן, זעכצעהן שטימען. אזא מעהרהייט איז א זעהר שוואַכע בריק, און מען קאָן קיינמאָל נישט זיין זיכער צי זי וועט זיך נישט איינברעכען. די סאָציאַליסטען וועלכע זיינען מיט גאָרנישט געבונדען מיט דער איצטיגער רעגירונג, קאָנען זיכער ביי דער ערשטער בעסטער געלעגענהייט אַפזאָגען דעם צוטרוי, און דאַן מוז קומען צו א נייעם קריזיס.

ביי אַזעלכע פערהעלטנישען איז דער מצב פון דער רעגירונג גאַרנישט קיין לייכטער און דערצו בעטראַכט מען טאַקע שאָטענ'ס רעגירונג פאַר א פאַר-איבערגעהענדע.

צו די גרויסע דאגות, וואָס דער נייער קאַבינעט האָט אויף זיך גענומען, קומט אויך בלי ספק צו די לאָנדאָנער קאָנפערענץ. טאַרדיע האָט זיין מיסיע אין לאָנדאָן נישט פערענדיגט. אין דער צייט, ווען ער האָט געפיהרט א העפטיגען קאַמף וועגען דער גרויס און קוואַליטעט פון דעם פראַנצויזישען פלאָט, האָט מען איהם דערווייל אין דער היים אונטערגע-רוקט א פיסעל און ער האָט געמוזט אַוועק. די נייע רעגירונג האָט דעריבער איצט פאַר זיך א זעהר הארטען פראָבלעם: פיהרען א פשרה: פאָליטיק, אָננעהמען אויף די פערשידענע פלאָט-בעגרענ-צונגען וועלכען מוסיג-לינקע פון קאַבינעט אויפהאַלטען א ווייטער. אַז דער קאַבינעט איז צו ווייניג פאַטריאָטיש. נעהן ווייטער אין טאַרדיעס דרכים. נישט איינעהן אויף קיין שום הנחות וועלען ווייטער די לינקע גריפען אויפהאַלטען א געוואַלד, אַז די קאָנפערענץ קאָן נאָך צוליב דעם אויפגעריסען ווערען.

די נייע פראַנצויזישע רעגירונג האָט צוליב דעם א זעהר שווערע אויפגאַבע. און דאָס ביי איהרע ערשטע שריט. דער-צו זעהען די שריט. ווי מיר האָבען שוין אויפגעוואַגט. זאָגט וועט נישט קיין זיכערע א מעהרהייט פון קוים א פינף-צעהן, 16 שטימען. און דאָס אויך נישט איינגעזעצען קיין איינציגע: ביז א הונדערט שטימען נטבאַרגט זיך ביי די סאָציאַ-ליסטען. ביי דעם אַלעם איז געררונגען, אַז די פראַנצויזישע רעגירונג וועט נישט האָבען קיין אריכת ימים.

די ליקווידאַציע פונ'ם פראַנצויזישען רעגירונגס-קריזיס איז נאָר א צייטווייליגער.

—פ.ת.

יודישע נייעס.

פוילישער געזאַנדטער עהרט א יודישען קינסטלער פון פוילען

רוגא (יטא) דער ווילנער יודישער קינסטלער ב. צוקערמאַן האָט איינגעאָר-דענט אין ריגא אַן אויסשטעלונג פון זיי-נע אַרבייטען, וועלכע איז דורכגעגאַנגען מיט א גרויסען מאָראַלישען און מא-טעריעלען ערפאָלג. צווישען אַנדערען האָט די אויסשטעלונג בעזוכט אויך דער פוי-לישער געזאַנדטער אין לעטלאַנד ה' אר-ציישעווסקי, וועלכער האָט געקויפט א בילד און דערנאָך איינגעאָרדענט אין דער געזאַנדשאַפט אַן אָפיציעלע אָ-נאַהמע לכבוד דעם קינסטלער.

יודישער אַרטיסט סעמועל ראָזענשטיין געשטאָרבען

ניו-יאָרק (יטא) דאָ איז גע-שטאָרבען אין עלטער פון 54 יאָהר דער בעקאַנטער יודישער אַרטיסט סעמועל ראָזענשטיין. וועלכער איז יאַהרעלאַנג געווען א סטאַר אין דעם נאַציאָנאַלען טעאַטער און אין אַנדערע יודישע טעאַ-טערן אין ניו-יאָרק.

דער פערשטאָרבענער איז געווען בע-וואוסט אַלס דער יודישער רודאָלף וואַ-לענטינאָ. ער איז בעטראַכט געוואָרען פאַר איינעם פון די שענסטע מענער, וואָס האָבען געשפילט אין יודישען טעאַ-טער.

הויכע אויסצייכנונג פון פ.י.ק.א.-דירעקטאָר

ירושלים (יטא) די רעגירונג פון לבנון האָט ערטיילט דעם דירעקטאָר פון דער פ. י. ק. א. וויקטאָר קאַהען דעם העכסטען אָרדער פון לאַנד. ה' קאַהען איז געווען אַמאָל פון די ארץ ישראל-פערשטעהער אויף דעם לעצטען ציוני-סטישען קאָנגרעס אין בזירוט.

ליידענשאַפטליכע דיסקוסיע אין דרום-אַפריקאַנישן פאַרלאַמענט

וועגען דער אימיגראַציע-בעגרענצונגען

כאַראַקטעריסטישע רעדע פון גענ. סמוטס

קאַפשטאָט (יטא) פאַר דער דריטער לעזונג פון געזעץ-פראָיעקט וועגען איינפיהרען אַן אימיגראַציע-קוואָטע פאַר די מזרח-אייראָפּעאישע לענדער, וועגען וואָס מיר האָבען שוין טעלעגראַ-פיש מיטגעטיילט, איז אין דרום-אַפ-ריקאַנישען פאַרלאַמענט פאָרגעקומען א ליידענשאַפטליכע דיסקוסיע, אין וועל-כער עס האָט זיך אויך בעטייליגט דער נייער פרעמיער און פיהרער פון דער דרום-אַפריקאַנישער פאַרטיי גענ. סמוטס.

איינציגע שעה נאָך זיין צוריקקעהר פון א לענגערער רייזע קיין ענגלאַנד, קאָנגרעס און די פעראייניגטע שטאַטען איז גענ. סמוטס ערשינען אין פאַרלאַמענט און געהאַלטען א רעדע, אין וועלכער ער האָט צוו. אַנד. ערקלערט: עס וואָלט גע-ווען זעהר טרויעריג צו זעהן, ווי עס ווערט אָנגענומען א געזעץ, וואָס ווירקט בעטראַכט ווי א שאַנדפלעק פאַר א טייל פון אונזער בעפעלקערונג. די דרום-אַפ-ריקאַנישע פאַרטיי שטימענדיג אין דער צווייטער לעזונג פאַר דעם רעגירונגס-פראָיעקט, דאָס בלויז געוואָלט אויסצו-טיילען, אַז אימיגראַציע-בעגרענצונגען זיינען בכלל נויטווענדיג, די פאַרטיי טאַ-דעלט אָבער דעם פיל אלס א ליבע-ראַלען, פיינדליכען און בלי-ספק געווענ-דעטען געגען א טייל פון אונזער בעפעלקע-רונג.

די יודען — האָט גענ. סמוטס פאָרט-געזעצט — קענען זיין נישט פאָפולער, זיי בולדען אָבער א טייל פון אונזער בע-פעלקערונג און זיי האָבען בעגעגנט אַלגעמיינע עמפּאַטיע. צום סוף דאַרט גענ. סמוטס געשטעצט די איבערשטיי-זונג פון דער פּראָפּאַגאַנדע. וועלכער האָט פאָר-געלעגט, אַז די קוואָטע זאָל זיך ציה-ען אויף אַלע לענדער און זאָל אויס-מאַכען יעהרליך 5% פון דער צאָהל דרום-אַפריקאַנישע בירגער, וועלכע שטא-מען פון די געגעבענע לענדער.

דער אינערן-מיניסטער ד"ר מאַלאַן האָט זיך אַרויסגעזאָגט געגען דער איבער-בעטערונג, ווייל אַזוי אַרום וועט מען אַריינלאָזען א גרעסערע צאָהל אימיגראַ-נטען פון רוסלאַנד, פוילען, ליטע און לעטלאַנד.

אויך דער פרעמיער-מיניסטער גענע-ראַל הערצאָג איז אַרויסגעטרעטען געגען דער איבערבעסערונג און האָט אָנגע-וויזען אויף דער אַנטאַגאָניזם פון דער דרום-אַפריקאַנישער פאַרטיי, וועל-כע מראַנט אַריין אַן איבערבעסערונג. בעת זי האָט אין דער צווייטער לעזונג געשטימט פאַר'ן רעגירונגס-פראָיעקט. דאָס לאַנד האָט צוזאַמען מיט 4 מיליאָנען — האָט ערקלערט גענ. הערצאָג — מיט די איינגעבוירענע, קאָלירטע, אינ-דיאַנער און אייראָפּעער. איצט דראָהט אונז א דריטע פּראָבלעם — אימיגראַ-ציע.

נאָכדעם האָט גענומען דאָס וואָרט דער יודישער דעפּוטאַט מאָריס קענטרידזש, וועלכער האָט שאַרף אָנגעגריפען דעם פרעמיער פאַר דער אינסינואַציע, אַז די יודען בילדען דאָס פּינקטליכע פּראָ-בלעם אין דרום-אַפריקא. דעם קענטרידזשס האָט בעשולדיגט דער אינערן-מיניסטער ד"ר מאַלאַן אין הופּאָקריזיע און נראַ-קטיט. צום סוף איז, ווי מיר האָבען שוין טעלעגראַפיש מיטגעטיילט, אָנגענומען געוואָרען מיט א מעהרהייט פון 55 שטי-מען געגען 47 אַן אויסבעסערונג פון דער נאַציאָנאַליסטישער (רעגירונגס-) פאַר-טיי, וואָס פערשאַרפט נאָך די איינוואַנ-דערונגס-בעגרענצונגען און רעדוצירט די צאָהל אימיגראַנטען פון יעדען פון 4 מזרח-אייראָפּעאישע לענדער (פוילען, רוסלאַנד, ליטע און לעטלאַנד) און ארץ ישראל ביז 33 אַנשטאָט 50, ווי עס איז פריהער געווען פאָראויסגעזעהן.

אַלע איבערבעסערונגען פון די יודישע דעפּוטאַטען זיינען אָפּגעוואָרפען געוואָרען.

ש. הומנער אנגאַזשירט אין פּאַריז

ריגא — די וואָך איז פון פּאַריז גע-קומען קיין ריגא דער בעקאַנטער אַר-טיסט ל. מאַקאַלאָוו צו שליסען א קאָנ-טראַקט מיט דעם אַרטיסט און רעזשי-סער שלמה קומנער, וועלכען ער נעמט צו קיין פּאַריז אין זיין טעאַטער. די קאָסטראָלען פון שלמה קומנער אין פּאַריז וועלען זיך אָנהויבען דעם 1 מערץ. ש. קומנער'ס האָנאָראַר אין פּאַ-ריז בעטרעפט 250 דאָלאַר א חודש.

זיי ווילען שניידען בייבער און עסען יודען-פלייש

משערנאָוויץ (יטא) „מור ווי-לען שניידען יודישע בייכער און זיך זע-טיגען מיט יודען-פלייש" מיט אָט דעם ראַזינגען „לאָזונג" האָבען זיך די מעו וואַרפען אַנ'ערך פיפצעהן קוזיסטי-שע סטודענטען אויף יודישע פּאַסאַזשי-רען, אין דעם צוג אויף דער שטרעקע אַרענקאַטאַ-סערעט. פּיקאַווינע. די קוזי-סטען זיינען געקומען פון א סטודענטי-שע פערזאַמלונג און האָבען אין צוג, וואָס קומט פון סערעט אָנגעהויבען בעפאַלען די יודישע פּאַסאַזשירען. ערשט ווען דער צוג איז אָנגעקומען אין טשערנאָוויץ אין געבען משערנאָוויץ, האָט די פּאָליציי אינטערווענירט, די צויגעשטערטע סטודענטען דער-אָנגעהאַלטען פון דער פּאָליציי-פערשטאַנד חברה איז א פּלוגה-פעאַמטער נעאַר בעטאַנו.

לאָדזער טעאַטראַל-טעאַטער
„אַרט"
אַלעע 1-טער מאַי 2
פריהער ענגלישער זאַל

קינסטלערישער לייטער: משה בראָדערזאָן
דירעקציע: יוסף סטאַרבינעץ
קאָמפּאָזיטאָר: דוד ביינעלמאַן
קאָנפערענסיער: נתן ריכטענבערג

היינט מאָנטאַג
לעצטע פּאָפּולערע-פאָרשטעלונג
0.30 אָוונט פון 1–3 זל.
ס'ווערט געשפּילט
חי געלעבט

מיטוואָך 10 אַ זייגער אָוונט
פּרעמיערע
א. ג. „אַהין א קאַפּ"

בילעטען צו בעקומען אין דער קאַסע פון טעאַטער יעדען טאָג פון 1 - 11 און פון 5 ב"נ

א קאַפּעלע הומאָר

ווערטלעך און שטעכווערטלעך

ער האָט „פּאַמאָץ"

לעהרער (דורכקוקענדיג מענדעל'ס לעקציע): ווי איז דאָס מעגליך, דאָס איין שילער זאָל מאַכען אַזוי פיל פעהלערן?

שילער (שמאָלץ): מאַניע לעהרער, איך האָב עס אַליין געמאַכט: דער טאַטע האָט מיר געהאָלפען.

דער ריכטיגער פּשט

פאַרוואָס האָבען די סאָטינערען ערקלערט מלחמה דעם רבונו של עולם?

ווייל דער רבונו של עולם זאָגט דאָך: „לי הכסף ולי הזהב". דאַרף מען נאָך א גרעסערען טרויסאַי סאַקראַטעס.

א שפּאַציר איבער לענינגראַד

בילדלעך פון דער אַמאָליגער רוסישער רעזידענץ

פון לעאָ גלאַסמאַן

II.

איך האָב געזוכט אַן „איזוואָשטשיק" אין איך געפינען איהם, ער זאָל מיר פיה-רען איבער דער שטאָט געזעהן פּלעג איך וויסען וואָס אַ "יאַמשטשיק" אין די רוסישע שטעט... זיך... אַזא אופן מעהר זעהן און זיך איינטיילען בעסער מיט דעם ווירקליכען לעבען, מען שפּילט אַפ מענטשען. מען פיהרט זיך אוים. מען קוקט אַריין דאָ, דאָרט. אָבער לענינגראַד איז א גרויסע שטאָט. און איך האָב בעשלאָסען צו קריגען פיהרער אַן אַלגעמיינעם איינדרוק און דערנאָך ערשט געהן צופוס.

מיר פאָהרען. אָט איז די פאָנטאַנקא מיט די פיער וואונדערבאַרע סטאַטועס, און אָט איז דער אַלעקסאַנדראָווסקער טעאַטער. פון פאָרענט איז דער פּאַרק, קאַלט, גרוי, בעדעקט מיט שניי. און מיר פאָהרען דער בערימטער מאַנומענט צו יעקאַטערינע'ן. א הויכע קעניגליכע פיגור, אַרומגערינגעלט מיט איהרע בעריהמטע געליבטע, סובאַרין, פּאָטיאָמ-קין און די אַנדערע. די געוועלבער זע-וועלבער זיינען שענער ווי אין מאָסקווע, אָבער אַלט, פערנאַכלעסיגט, מעהרסטע...

ווענען פערוואַנדעלט געוואָרען אין רעגי-רונגס-קאַנצעלאַריעס. דער איזוואָש-טשיק שטעלט זיך אָפּ. ער ווייסט, אַז איך בין א פרעמדער און שטאָט און איך טערעסיר זיך צו זעהן אַלעס.

— אָט דאָ — זאָגט ער — וואו איהר זעהט די סינא. איז געווען דער בערימ-טער רעסטאָראַן „יאַר".

איך בין קיינמאָל אין פעטערבורג ניט געווען און האָב. פערשטעהט זיך, דעם „יאַר"-רעסטאָראַן קיינמאָל ניט געזעהן. אָבער עס איז גאָט שווער פאַרצושטע-לען זיך, ווי עס האָט אַמאָל אויסגעזעהן. איך דערמאָן זיך אַז די פילע לעגענדעס, וואָס מען האָט מיר דערצעהלט וועגען „יאַר" אָט דאָ האָבען געהוליעט די גרוי-סע סוחרים פון פעטערבורג און פון דער פּראָווינץ, ווען זיי פלעגען קומען אַהער אויף געשעפטען: דאָ פלעגען אַריסטאָ-קראַטישע הולטייעס אַלט פערשפּילען גאַנצע אוצרות אין עטליכע מינוטען. בעת די אַרבייטער אין די קעלערס אונטער דער שטאָט פלעגען פריהרען און אוים-געהן פון הונגער; דאָ פלעגען זיך אַרומ-דרעהען שאַרלאַטאַנעס און פּראָסטיטוט-קעס; דאָ האָט מען אינטריגירט און קאָנספּירירט. און אַמאָל איבער א גלעזעל שאַמפּאַניער פלעגט מען דורכ-פיהרען געשעפטען אין די הונדערטער טויזענדער רובעל. עס איז געווען אַן'עמ-פּאַריום פון פּראַכט און גלאַנץ און אויס-געלאַסענהייט. וואו ס'פלעגען פאָרקומען אונטער די קלאַנגען פון פערשיעדענע רוסישע צוגייגעריש מוזיק ליבעס-אַפערעס, פערברעכענס און שרעקליכע טראַגעדיעס „יאַר" — דאָס איז א שטיק פון רוס-לאַנד'ס פערגאַנגענהייט. א פערגאַנגענ-הייט, וואָס וועט זיך שוין קיינמאָל נישט אומקעהרען.

איצט איז עס א פּראָלעטאַרישע קינאָ. גרויסע עלעקטרישע לאַמפּען, שרייענדי-גע רעקלאַמעס און, ווי געוועהנליך, א לאַנגער „אָטשעיעד" פאַר בילעטען. אַרביי-טער יאַמען און קאָמסאָמאָלקעס שטופּען זיך, טומלען זיך און די „רעזשען", יעדער וויל אַריינגעהן פריהער פערכאַפּען א פּלאַץ. וואָס איז מען דאָס אַזוי שטאַרק אינטערעסירט? איך בעטראַכט די בילדער, וואָס העננגען אין דרויסען; דאָס איז נישט קיין סאָוויעטישע פּראָפּאַ-גאַנדע-פילם. נאָר גראָד אַן'אַמעריקאַ-נישער „מאָאַוי", עפּעס א מעשה וועגען פלאַם-פערדינגער ליבע. נקמה און פער-ברעכען...

מיר פאָהרען ווייטער. פון דער ווייטע-נעם ווייזט זיך דער קאַזאַנסקער סאָ-באָר. אָבער מיר פאָרלאָזען דעם נעווסקי פּראָספּעקט, פערדרעהען זיך אויף רעכטס, פערביי דורך פּלאַטשאַן לאַ-

סאַלאַ. וואו עס שטעהען זיי מגושמים און דער פּיליפּאָווסקי טעאַטער. אפּיסעל ווייטער פערביי דעם וואַנדערבאַרען קלאָיסטער. וואָס הייסט „אַלעקסאַנדער נאַ'ק-אויין", וואו די ניהיליסטען האָבען געוואָרפען א באָמבע אויף'ן צאַר אַלעק-סאַנדער, דעריך עטליכע גאַסען, וואו עס שטעהן די פּאַלאַצען פון רוסלאַנד'ס אַמאָ-ליגער אַריסטאָקראַטיע, און דאַן קומען מיר צו דער נעווא.

די נעווא איז פערדעקט מיט אייז, פערשנייט, מאַיעסטעטיש פּרויעקטירט. אַנ'-עלטער-רוסישע אימפּאַזאַנטע הענגט אי-בער'ן טייך. אויף'ן אייז בעוועגען זיך אין דער ווייטענס עטליכע שוואַרצע פיגורקעס. דאָס זעהען מענשען. וואָס געהען אריבער. שלעפענדיג ווייטער פון לאַנצאַם. טעלאַנקאַליש, נישט קוקענדיג אויף'ן שטאַרקען פראָסט, וואָס ביישט ווי מיט ריטער.

פון דער זייט מעך שטעהט דעם אַמאָליגען צאַר'ס ווינטער-פּאַלאַץ. פון אויסווייניג אָפּגעקראַצען און מיאוס. עס פּשוט א וואונדער, וואָס פאַר אַנ'אַרבייט מען האָט דאָס געקאָנט בעשאַפען אַזאַ מין אָפּשטויסענדע שטיקעל אַרבייט. אין דער פריה בין איך געווען אינעווייניג. גרוי-סע, פּראַכטפולע סאַלאָנען און וואונ-דערבאַרע בילדער; דאָרט געפינט זיך דער בעריהמטער ערמיטאַזש-מוזעאום.

פון דער אַנדערער זייט מעך זעהט מען די פּעטראָפּאַוולאָווסקי פעסטונג — די שרעק פון די רוסישע רעוואָלוציאָנערען און קעמפּער פאַר פרייהייט א ריקע, שטייענערנע וואַנט, וואָס זינקט גלייך אין מעך אַריין, און א הויכער שפּיץ צוינגער טורם, וואָס שטעהט נעגען האָ-רינאָנט, ווי א שאַרפער שפּיז. דורך דעם פענסטער אין פּאַלאַץ פלעגט דער צאַר מסתמא אַרויסקוקען אויף דער דאָזיגער פעסטונג און יענע מאָמענטען, ווען עס פלעגט זיך ביי איהם אין האַרצען אַרייננ-כאַפּען א מורא, אָדער א געפיהל פון צווייפעל, און ווען זיין אויג האָט נערוהיגט אויף דער שטאַרקער וואַנט און דעם הויכען טורם פלעגט ער זיך געווים בערוהיגען און אַרויסגעהן מיט א שמייכעל אויף דער יאַגד. אַזוי איז שוין דער ווינ פון די מעכטיגע...

מיינע רעיונות ווערען א.בערגעבראָכען. מיר קומען אַן אויף יענער זייט בריק און פאָהרען אַריין אין הויף פון דער פּעטראָפּאַוולאָווסקער פעסטונג עס איז איצט א מין מוזעי פאַר טוריסטען, מען פערקויפט איינטריטס-בילעטען. איך געה אַריין אין קלויסטער. אינוועניג איז פול מיט מאָנומענטען און קברים, אַ'ט צאַרען און קעניגינען, אויסער ניקאָלאַי'ען מיט זיין משפּחה, ליגען דאָ בעגראָבען. עס דרעהט זיך אַרום א גרופּע יונגליך

(ענדע—זייט 5)

[illegible]

בערלין (יטא) אויף א בעראַטונג, געווידמעט דער יודישער עמיגראַנטען-הילף האָט ה' ס. אַדלער-רודעל רעפע-רירט וועגען דער פערשטאַרקטער אַר-בייטסלאָזיגקייט. וואָס טרעפט אַרום מיט בעזונדערער קראַפט ביי יודען און דינגט אַרוים א פערגרעסערטען וואַנדער-שטראָם. דער רעפערענט האָט אָנגעוויזען דאָס עס וואָלט געווען צוועקמעסיג צו קאָאָרדינירען די טעטיגקייט פון דער „יו-דישער וואַנדערער-פירזאָרגע" מיט דער „צענטראַל-וואָהלפאַהרטס-שטעלע" פון די יודען אין בערלין. צוו. אַנד. ווערט געפלאַנט צו גרינדען אַרבייטער-קאָלאָ-ניעס. וואָס זיינען הויפּטזעכליך בע-שטימט פאַר מענשען. וועלכע עס דראָהט די נעגאַהר צוליב אינאַלייפהעריגען יאָג דערויז זיך אָפּצוגעוואוינען פון רעגעלמע-סיגער אַרבייט. עס ווערט אויך געפּלאַנט אַנ'אַקציע צו בעשעפטיגען יודישע אַר-בייטסלאָזע ביי יודישע אַרבייטסגעבער.

נייער שטרענגער פּאַספּאָרטען-ביל

פאָרגעלעגט דעם אַמעריקאַנער קאָנגרעס

וואַשינגטאָן (יטא) דער קאָנג-רעסמאַן אַטוועל האָט אַריינגעבראַכט אין קאָנגרעס א פּראָיעקט פון א ביל, וועלכער זעהט פאָר, אַז יעדער אימי-גראַנט וואָס וועט זיך נישט רעגיסטרי-רען זאָל בעשטראָפט ווערען מיט 2 חדשים טורמע, הונדערט דאָלאַר שטראָף אָדער ביידע שטראָפען צוזאַמען. דער ביל זעהט אויך פאָר, דאָס אויב אַנ'אי-מיגראַנט וועט זיך ענטזאָגען צו רע-גיסטרירען 2 יאָהר נאָכאַנאַנד, זאָל ער דעפּאָרטירט ווערען פון לאַנד.

דער דאָזיגער ביל איז פיל שטרענגער פון דעם רעגיסטראַציע-ביל, וואָס איז נישט לאַנג צוריק פערגעלעגט געוואָרען אין קאָנגרעס, לויט וועלכען יעדער אי-מיגראַנט, וואָס וועט זיך נישט רעגיס-טרירען פינף יאָהר נאָכאַנאַנד, זאָל נישט קאָנען ווערען קיין בירגער און בעקומען צוריק דאָס רעכט צו ווערען א בירגער ערשט דאַן, ווען ער וועט נאָך די פינף יאָהר זיך רעגיסטרירען דריי יאָהר נאָכ-אַנאַנד.

די אָנהענגער פון בזונדערע רעגיסטראַציע ביל'ן מיינען, אַז דער הויפּט-צוועק פון דער צוואַנגס-רעגיסטראַציע איז אויס-צוגעפינען און דעפּאָרטירען אומגראַנ-טען, וואָס זיינען אַריינגעקומען קיין אַמעריקא אויף אַן'אומגעזעצליכען אופן. רעגיסטראַציע - פּערטיפיקאַטען וועט, לויט די בילס פּראָקלאַמירטע ווערען, סטיי וועט ער וועט קאָנען בעווייזען, אַז ער געפינט זיך אין לאַנד פינף יאָהר.

און די קאָנגרעס-קרייזען ווערט אויס-געדריקט די מיינונג, אַז די אַמעריקאַ-נער אַרבייטער פערראַציע איז פער-אַנטוואָרטליך פאַר דעם נייעם קאַמף. וואָס די אימיגראַנטען שונאים האָבען איצט אָנגעהויבען צו פאָדערען אַן'עמי-גראַנטען רעגיסטראַציע.

אַנ'אַראַבער אינפאָרמירט דעם הרב הראשי-קוק וועגען איינעם פון די אַנטיילנעמער פון דער חברון'ער שחיטה

ירושלים (יטא) איינער פון די אַראַבער, וועלכער האָט ערמאָרדעט יו-דען בעת דער חברון'ער שחיטה, וועט אויף א זאָנדערבאַרען אופן צוגעצויגען ווערען צו גערייכטליכער פעראַנטוואָרט-ליכקייט. א געוויסער אַראַבער האָט פער-זענליך געגעבען דעם הרב-הראשי קוק א פולע בעשרייבונג פון אַן'אַראַבער. וואָס איז ביז איצט אומבעקאַנט דער פאָלי-ציי און וועלכער האָט רמאָרדעט א גאַנ-צע יודישע משפּחה. דערביי זענען געוואָרען די צוגערויבטע זאַכען פון דער שוהל, וועלכע ענט-שפּרעכען די פעהלענדע געגענשטאַנדען.

לאדזער רייכער סוחר האט חתונה, געגען ווילען פון זיין פאמיליע, מיט אן ארימען קצב'ס טאכטער
און פאהרט מיט איהר אוועק קיין האלאנד

אין די לאדזער סוחר'ישע קרייזען רו־שט זיך איצט מיט א סענסאציע, אין וועלכער עס איז פערמישט איינער פון די חוספ־אקצ אנערען פון אן'אנגעזעהענער הויער פירמע. ראכמאל א. ו עם הוליה נישט קיין סענסאציע מיט א חדשהאפט־לעבען אונטערשלאג ווי באנקראט געי־שאפט אויפגלט וכדומה. צו דער מרינה פון וואמעניגעבראלעקטע איז די ראליגע פירמע, בעהיט גאט, נאך נישט געקומען. די סענסאציע, וואס האט א שייכות צו דער מעסשיל־פירמע האט דיקא א ראמאנטישע באטשעווקע.

עס האנדעלט זיך, געמליך, וועגען איינעם פון די עלטערע שותפים פון א חשוב'ער לאדזער האנדעלס־געזעלשאפט. דעם געמיעגענ'ס פרוי איז פאר א יאהרען געשטארבען.

אין פרידער פון אלטמען האט פער־געסען דעם טויט פון דער פרוי דער אין־בערגעבליבענער מאן. די ספה איז דער־פון נאך א שיש'ע: אונטער זיין די־קען איז געשטאנען א רייצענד־שעהן פרייליין ויז האט בעהערשט זיין הא־ץ און זיין מוח'ער.

די ראזינע לובע פון דעם אנגעזעהענעם סוחר און דעם שעהנעם מיידעל האט אבער א שטיקעל פארגעשוילטע.

די „פרינצעסין פון זיין הארץ," איז א טאכטער פון לאדזער יודישען קצב גוישעבויט, א גרויסער ארימאן געבער. אט דאס מיידעל פלעגט ארבייט'אנגען פלייש פון איהר פאטער'ס געוועלב און — ווייזונג פון דעם גרויסען סוחר. דער בלעגענטער רייץ פון רייכען מאן האט געכאפט דאס הארץ פון דעם אפ־ציאנער ער האט געשטאטעוועט אויף דעם ארימען מיידעל און געוואונען זי...

פון ציט צו ציט, ווען זי פלעגט ארויס־ברענגען און זיין וואוינונג פלייש, האט ער איהר געגעבען געלד צו געהן אין טעאטער, אנצוטוהן זיך עלעגאנט. ער פלעגט אויך אמאל מיט איהר לאפען א שפאציר אויף זיין אויטא. פער־שטעהט זיך, אז דאס אלץ איז געווען אינטערן וויב'ס ווייסען. פדי דאס פרעל־מיגע מיידעל פון'ס ארימען קצב זאל זיין נאהענט נעבען איהם, האט דער גרויסער טעקסטיל־ אונטערנעהמער זי אריינגענומען צו זיך אין געשעפט, איהר געגעבען א לייכטע ארבייט און זי גוט האנארירט.

און די ליבע צווישען רייכען מאן און דעם ארימען מיידעל האט געפלאקערט שטילערהייט. אז ס'האט קיין האן נישט געקרעהט וועגען דעם, וואס צווישען „איהם" און „איהר" איז פארגעקומען...

דער ראמאן צווישען די בעידע מענ־שען פון צוויי פערשידענע וועלטען האט געפונען זיין „לעזונג" נאך'ן טויט פון דעם „לעבענספארטנער'ס" פרוי.

קורץ נאך איהר טויט, האט דער רייכער אלמן געגומען זיין דערוואקסענע טאכטער, די אוועקגעשיקט שטודירען אויף'ן בערלינער אוניווערזיטעט און ער אליין האט זיך אין לאדז „גענומען בע־קוים" מיט זיין געליבטער, דעם קצב'ס שעהנער טאכטער.

דא האט דער בלאטער שוין גער פלאצט. דעם רעבע'ס סוחר פאמיליע אין לאדז האט זיך דערוואוסט וועגען זיין ליבע און עס האט זיך אויפגעהוי־בען געגען איהם א גאנצער שטורעם. ער איז אבער געווען שטאל און אמווען אין זיין ליבשאפט און דאס ארימע מיידעל נישט געוואלט פערלאזען. ארוי־בא, ער האט זי פערזארגט מיט א רייכען אויסשטייער, און די פערוואנדטע וואך ארויסגעפאהרען מיט דעם קצב'ס טאכטער קיין ווארשא, וואו ער האט מיט איהר געשטעלט א חופה.

נאך דער חופה איז דאס פארל אוועק־געפאהרען אויף א חתונה־רייזע קיין האלאנד. פאר דעם אוועקפאהרען, האט ער פערזעהן זיין געשעפט מיט זיינעם א פערטרעטער. ווי מען שמועסט וועט דער רייכער אונטערנעהמער אזוי גיך זיך נישט צוריקקעהרען מיט זיין יונג. ווייבעל קיין לאדז. ער וועט זיך בעזעצען מיט איהר אין בערלין, וואו ער האט א פאלאץ.

די עלטערען פון דעם ארימען מיידעל וועגען אבער אין „זיבעטען הימעל" צי־ליבן גליק־שידוך, וואס זייער טאכטער האט געטון...

דער רעפעראט פון ד"ר אלכסנדר גאלדשטיין
אין פילהארמאניע

פאר א פול-געפאקטען זאל האט ד"ר אלעקסאנדער גאלדשטיין נעכטען גע-האלטען זיין גייסטרייכען רעפעראט וועגען לעבען פון די יודען אין די עק-זאטישע לענדער. דאס פובליקום האט מיט גרויס אינטערעט אויסגעהערט אלץ וואס דער חשוב'ער ד"ר גאלדשטיין האט אזוי לעבעדיג פאר איהם דערצעהלט און איהם בעשאנקען מיט שטורמישע אפלאדיסמענטען.

דעם אינהאלט פון ד"ר גאלדשטיינס רעפעראט ברענגען מיר אין מארגענ-דיגען נומער

17 יעריגע מאטורזשיסטקע נעמט זיך דאס לעבען
ווייל זי קען נישט ווייטער שטודירען

(§) עהערנעכטען האבען די פישער ארויסגעצויגען פון דער בזורע דעם טויטען קערפער פון א יונג מעדעל. די אזארקאווער פאליציי, וועלכע מען האט מיטגעטיילט וועגען פאל האט אונטער-גענומען א אויספארשונג און האט פעסט-געשטעלט, אז מען האט צו טון מיט א זעלבסטמארד.

דער נאמען פון דער זעלבסטמער-דערין איז אירענא גראנאוונא, 17 יאהר אלט, א אזארקאווערין.

זי האט פאראיאהרען געענדיגט א מיטעל שול און געוואלט פאהרען שטו-דירען אין א הויך שול. די עלטערן הא-בען אבער נישט ערלויבט איהר צו פאהרען אליין אין דער גרויסער שטאט און פון דער צווייטער זייט זענען זיי אויך נישט געווען ביכולת זי אויסצו-האלטען מיט אלע הוצאות.

דאס מעדעל האט זיך די מעשה שטארק צום הארצען גענומען און ווען זי האט פאריגע וואך בעקומען א בריף פון איהרען א בעקאנטען סטודענט, צו וועלכען זי איז אגב נישט געווען גלייכ-גילטיג צו קומען קיין ווארשא שטודי-רען, איז איהר פערצווייפלונג געווארן אזוי גרויס, אז זי האט בעשלאסען א סוף צו מאכען צו איהר לעבען און זי האט טאקי איהר בעשלוס אויסגעפיהרט דערטרינקענדיג זיך אין דער בזורע.

פון האנדעלס-געריכט

רעגולירונגס-אפמאך

דאס לאדזער האנדעלס-געריכט האט בעשטימט א „נאדזאר" דער פירמע לייב האלבערג, וועלכע פיהרט א הורט-האנ-דעל פון קאנפעקציע אונטערן נאמען „אוביארפאל" אויף נאוואמיעסקא 6. אין משך פון ערשטען חודש פון גע-ריכטס-אויפזיכט, האט האלבערג בע-צאהלט 21 טויזענד גילדען חובות, ד. ה. 10 פראצענט און אין צווייטען חודש 25 פראצענט פון די חובות. איצט האט די פירמע געפאדערט צו בעשטעטיגען א רעגולירונגס-אפמאך מיט איהרע קרע-דיטארען. דער אפמאך איז בעשטעטיגט געווארען. האלבערג רעגולירט אויף 70 פראצענט.

קופאן № 106
אויף אומזיסטע יורידישע עצות.
דער בעזיצער פונ'ם דאזיגען קופאן קאן בעקומען אומזיסט יוריד'שע עצות דורכ'ן יורי-קאנסול פון אונזער רעדאקציע.
גילטיג היינט מאנטאג, דעם 24 פעברואר פון 8—9 אוו.

א שפאציר איבער לענינגראד

(ענדע פון זייט 8)

פון א פאבריק. דער ווענגוויזער דער־צעהלט זיי וועגען די מתים...

אבער מיך אינטערעסירט דאס גישט, איך האב שוין געזעהן גענוג קברים און קלויסטערס און רוסלאנד, און אפילו די נעמען פון די צארען און צארעוויטשעס מאכען אויף מיר גיט קיין איינדרוק. איך געה ארוס און לאז זיך אוועק דורך א פאר שמאלע געסלעך, וואו עס הרגענען זיך ארום סאלדאטען מיט ביקסען אויף די שולטער, בין איך קום אן צו דער מיורמע, דא זענען געזעסען אמאל כמעט אלע גרויסע רוסישע רעוואלוציאנער'ען.

עס נעמט ארום א מאדנער געפיהל, ווען מען קוקט אויף דער געבוידע, ווייל ס'איז גאר גישט, ווי מען שטעלט זיך פאר אין דער פאנטאזיע. אנשטאט א גרויסער, שטארקער מויער, זעהט מען א פשוט שטיינער'ן, צוויי־שטאקיג הויז. שמוציג, אלט, פינסטער. ווען ניט די גראטעס אין די פענסטער וואלט געווען שווער צו דערקענען, אז דאס איז א גע־פענגעניש און ניט גלאט אזוי א געביידע.

מען געהט ארייז דורך א נידריגער טיר און דורך א שמאלען קארידאר קומט מען צו דעם צימער, וואו מען פלעגט רעגיסטרירען די „פאליטישע". אויך טוען זיינע צוויילע אנצוגען און אנ־טוהן זיי אין די טורמע־קליידער, אונטער־מען פלעגט זיי ארייגזעצען און זייער קאמער. אויף דעם זעלבען עטאזש גע־פינט זיך אויך דאס צימער, וואוהין מען פלעגט ארייגזעצען פאר גוט איבערלע־גען די תקנות פון געפענגניש, אדער פאר איבערטרעטען זיך מיט אנדערע „פא־ליטישע" דורך אויסקלאפען סיגנאלען אין וואנט. קיין בעט איז דא גיט געווען, בלויז א שטרויערנער מאטראץ אויף דער ערד; און קיין שטראל ליכט אויך גישט, ווייל ס'פענסטער פלעגט מען פערקלא־פען מיט דיקע לאדענס, אז פון אינווענדיג אי פון אויסווענדיג.

דער וועלכער, וועלכער פיהרט מיך ארום איז גראד ניט אנגעטון און קען סאלדאטסקען אוניפארם, ווי געווענליך, נאר אין פשוט'ע קליידער. איצט איז דא גישטא, וואס צו היטען, ווייל מען בע־נוצט די געבוידע נוט מעהר פאר א גע־פענגניש. ס'איז פוסט און חושך'דיג. מען ברענגט אהער טוריסטען און אויב מער און מען דערצעהלט זיי וועגען דעם גרויסען נס, וואס איז געשעהן אין רוס־לאנד...

מיר געהען דורך די קארידארען, פון בוידע זייטען זענען די קאמערן, שמאלע, שמוציגע צימערלעך, אבער פיל גרעסער, ווי אין א געוועהנליכער געפענגניש. קיין טישלעך, אדער בענקלעך, בלויז איינצי־גע בעטלעך מיט שטרויענע, הארטע מאטראצען. דער וועלכער האלט אויף א גוטען טרינק־געלד, בעמיהט ער זיך דערצעהלט א קאפיטעל געשיכטע פון דער רוסישער רעוואלוציע, רעכענט אויס די נעמען פון בערימטע [illegible] קעמפער, וועזט, וואו זיי זענען [illegible].

— אט אין דער קאמער איז געזעסען פיאטר קראפאטקין, און דא ברעשקאוו־סקאיא. וויטער דארטען איז געזעסען גערצען, ספירידאנאווא...

מיינע געדאנקען ווערען פער'כשופ'ט, איך הער קוים, וואס דער וועלכער זאגט, איך טראכט וועגען רוסלאנד, וועגען דעם קאמף פון דורות, וועגען די גרויסע גייס־טער, וואס זענען דא געזעסען. יא, אט דא, אין די דאזיגע קעמערלעך, וואו איך קום ארייז, זענען זיי געווען איינ־געשפארט, די העלדען פון קאמף פאר דער מענשליכער בעפרייאונג — און איצט קומען אהער ארבייטער און טו־ריסטען... א נס איז געשעהן...

ביים ארויסגאנג זאגט דער וועלכער.
— דעם לעצטען מאל, וואס מען האט בענוצט די פעטראפאוולאווסקער געפענג־גיש איז געווען פאר די קראנשטאטער־מאטראסען.

זיינע ווערטער פאלען אויף מיין בע־וואוסטזיין, ווי שטיינער. עס ווערט מיר מיט אמאל שווער אויפ'ן הארצען. איך רוק איהם שנעל א מטבעה אין האנד ארייז און געה אוועק...

באדענוויזער-באלעט אין לאדז

דער בערוהמטער וויגער באלעט קומט קיין לאדז גאר אויף 2 פארשטעלונגען, מארגען דינסטאג און מיטוואך 8.30.

דער ראזוגער באלעט בעשטעהט פון 7 הערליכע טענצערינס און ער וועט אויספיהרען א גאנצע רייה ערשט קלאס:גע טענץ.

רעצטע פאפולערע פארשטע-לונג פון „הי' געלעבט"

היינט מאנטאג 930 לעצטע פאפולע-רע פארשטעלונג צו ביליגע פרייזען פון 1 ביז 3 זל.

מיטוואך פרעמיערע פון דריטען פרא-גראם א. נ. אהן א קאפ:

לעזט און אבאנירט דאס „לאדזער טאגעבלאט"

פון דער ספארט-וועלט

שווער-אטלעטישע פעראיינס-מייס-טערשאפט אין „בר כוכבא"

אין „בר־כוכבא" איז גע'לטען 8 אווענד פארגעקומען [illegible] מייסטערשאפט אין געווילט־הויבען פאר'ן יאהר 1930, וואו עס זענען עלימענירט געווארען פאל-גענדע פעראיינס מייסטער:

אין דער הענער־וואג: האט יומטער־ערצילט דאס ערשטע ארט און דעם מייסטערשאפט פון זיין וואג, ערד פינף מאהל'גער פוילישער מייסטער מאי' ווינ־גארטען, האבענדיג אז דריי מאל צוזא־מען 245 קילא. דאס צווייטע ארט האט פערנומען י. לעווין מיט 197.5 קילא דאס דריטע ארט, מ. ראזענטאל מיט 180 קילא.

אין דער פעדער־לייכטער וואג: ג. וויג וואורצעל, דאס ערשטע ארט היבענדיג 213 קילא, און מ. זילבערבאום דאס 2. ארט מיט 206 קילא.

אין דער האלב־מיטעל וואג: האט ער־צילט דאס ערשטע ארט מ. סאלאוויאלסקי היבענדיג אין 3 מאל צוזאמען 223 קי-לא, און דאס צווייטע ארט מ. זילבער־ביב מיט 210 קילא.

אין דער האלב־שווערער וואג: האט ערצילט דער אינצוגער אנטיילנעהמער יהודה מוניז. דאס ערשטע ארט מיט 290 קילא מעהרערע אנדערע שווער־אטלע־טען האבען צוליב געוויסע סבות נישט אנטייל גענומען.

ריכטערס זענען געווען די ה"ה מענדעל צווילינג און איגנאץ טאפלאוויטש.

פריינדשאפטס-מעטשען אין לאדז

„הכח"—„ביעג" (1:0) 3:1
„כדימח" — „ל.ט.פ.ג." (2:0) 6:0
„ארקאו" — „ו. כ. ס." (1:3) 1:7

פילהארמאניע — פילהארמאניע
3-ער מערץ
דער שלאגער פון אלע פערוויילונגען פון הייעהריגען קארנאוואל
גרויסע פרעסע-רעדוטע
3-ער מערץ
פילהארמאניע — פילהארמאניע

די געהיימנישען פון דער רויטער ווילע

שפאנענדער ראמאן פון לאדזער לעבען.

(56-טע פארטזעצונג)

בעת זי האט גערעדט, איז זניטש געבליבען אויסער זיך... עס האט זיך איהם פארגעשטעלט פאר די אויגען זיין צוקונפט אלס רייכער מאן... איהר פארשלאג האט איהם גערייצט, אין נישט קאנענדיג איהר קוקען אין די אויגען אריין, האט ער אויף איהר אראפגעלאזט דעם קאפ.

א פערמעגען! וויפיל קאן עס אזוי זיין! ער האט זיך גארנישט אפגעגעבען דערפון קיין דין וחשבון.

זיין מוח און פאנטאזיע האט אומאויפהערליך געאר-בייט. ער האט געזעהן פאר זיך זיין פערזיכערטע עלטער. ער האט זיך יעצט דערמאנט טויזענדער קליינינקע אומ-אנגענעהמליכקייטען, וואס ער האט געמוזט פערטראגען בעת זיין דינסט. ער האט געוואוסט, אז אייביג האבען איהם זיינע חברים געדראהט מיט פערשידענע שפיצלעך... און נאך אנדערע, טויזענדער קליינינקייטען, וואס האבען איהם פערשאפט פערדרוס. איינעם, א אגענט, וואס האט געדינט איבער פיפצעהן יאהר, האט מען בעזייטיגט פון דער ארבייט, צוליב עפעס א קליינליכע שולד. איינעם

האט מען דערוויטערט א טאג פאר'ן אויסדינען די עמע-ריטור. און זיין קאריערע קאן זיך נאך א מאל אויך אזוי ענדיגען. יעצט האט ער א געלעגענהייט צו ווערען רייך! דורך זיין גאנץ לעבען, איז ער געווען געטריי און איבער-געגעבען זיין אויפגאבען. דאס ערשטע מאל האט מען איהם פראפאנירט פאר געלד אפצוטרעטען פון זיינע פרינ-ציפען. ער קאן בעקומען א פערמעגען, ער קאן זיין גליקליך!

אבער וואס וועט זאגען סטראנסקי? וועט ער דערויף מסכים זיין. ניין, עס איז אונמעגליך. אז ער זאל נישט וועלען, איך וועל איהם שוין אנדרעהען...

— נו, אלזא? — האט פרוי סאפיר געפרעגט.

— איך מוז מיך צוערשט זעהען סטראנסקי'ן, אהן איהם קאן איך אליין גארנישט בעשליסען, און אליין אנגאזשירען קאן איך מיך נישט.

יעצט, האט פרוי סאפיר איינגעזעהן, מוז קומען דער ענטגילטיגער שאס. זניטש האט געמוזט הערען די גרויס פון דער סומע, וואס ערווארט איהם.

— איך פערשטעה גאנץ גוט. אז איהר קאנט אייך אליין נישט דעצידירען אהן דער פערשטענדיגונג מיט אייער חבר, איהר קאנט נאך היינט טעלעגראפירען צו איהם, אויב איהר ווייסט זיין אדרעס.

— איך ווייס אבער נישט וואו ער וואוינט — האט זניטש פערביטערט געענטפערט.

— איך מיין, אז א ליאדע מינוט וועט איהר די אד-רעס בעקומען. יעדענפאלס וואלט איך געבעטען, אז ער זאל באלד קומען צו פאהרען... אין טאג, ווען איך וועל בעקומען די גאראנטיע פון אייער זייט, אז הארטמאן איז פולקאם ערזיכערט, בעשטים איך פאר אייך א סומע פון דריי מאל הונדערט טויזענד זלאטעס!

— דריי... מאל... הונדערט... טויזענד! האט זניטש קוים איבערגע'חזר'ט.

ער האט געמיינט, אז ער פערלירט דעם בעוואוסט-זיין. ער האט שוין געזעהן פאר זיך דעם גרויסען פאק מיט די טויזענטער זלאטעס, וואס ער דארף זיך טיילען מיט סטראנסקי'ן. יעצט האט איהם בעהערשט א געפיהל, אז זיין חבר ארעסטירט דערוויל הארטמאנ'ען אין דאנציג. כאטש, דער פוס האט איהם נאך א ביסעל וועה געטון, פונדעסטוועגען האט ער בעשלאסען באלד צו פאהרען קיין דאנציג. ער האט גוט געקאנט די שטאט. ער האט מעהר ווייניג געוואוסט, וואו ער קאן טרעפען סטראנ-סקי'ן.

אזוי, ווי א קינד, וואס ווארט, אז דאס מעשה'לע, וואס עס האט געלייענט זאל מקוים ווערען, אזוי האט ער שוין געוואוסט מיט א ציטער אויף דער פערווירקליכונג פון פרוי סאפיר'ס צוזאג. ער האט גארנישט געוואגט צו בע-שליסען אהן סטראנסקי'ן, נאר יעצט איז ער איהם אפילו פעהיג געווען צו פערקויפען! צי איז דער מענש בכוח זיך ענטגעגענצושטעלען אזא יצר הרע?

— — — — — — — — — — — —

הגם אין סאפיר'ס הויז איז כמעט נישט גערעדט גע-ווארען וועגען די אלע געשעהענישען, פונדעסטוועגען האט מען אין שטאט ביסלעכווייז אנגעהויבען שמועסען וועגען עפעס אנ'אומגליק, וואס זאל האבען פאסירט מיט דעם יונגען פאר-פאלק הארטמאן. ערשטענס האט ארויסגערופען א חשד, דאס, וואס מען האט בעמערקט, אז פאליציא איז זייט א געוויסער צייט ביי איהרע עלטערן. צווייטענס האט מען אין געוויסע קרייזען געוואוסט, אז יעזשי הארט-מאן איז אנטלאפען קיין אויסלאנד. און אזוי ווי קיינער האט נישט געוואוסט, וואס עס האט פאקטיש פאסירט, דעריבער זענען די קלאנגען געווען פערשידענארטיגע.

בעת פרוי סאפיר איז נישט געווען אין דער היים, האבען געוויסע פערזאנען בעזוכט פעליציע'ן און בעוויזען איהר צו ערצעהלען אזעלכע פשיקרע זאכען, אז זי האט זיך אזש פאר גרויס פערצווייפלונג צעוויינט ווי א קליין קינד. זי האט געוואוסט, אז מעהרערע פון איהרע בעקאנ-טע פרעהען זיך שטארק צוליב דער פאסירטער קאטאס-טראפע. דאס אלעס האט געווירקט אויף איהר פאטאל, און דערשטיקענדיג אין זיך איהר אייזערנעם שטאלץ, האט זי אנגעהויבען מעהר הערען און נאכגעהן די שטים פון איהר הארץ.

(דאס ווייטערע קומט)

איידער דו ווערסט קויפען אויסלענדישע טאנדעט, זעה די שיך פון אלפרעד היינע

קינדער און יונגלערישע שיך לויט מאָס

מענער-שיך: לאַקירטע, ברוינע און שוואַרצע פרייז: 34.50 און 36.50

דאַמען-פאַנטאָפעל: לוקסוס, שפּאַציר און ספּאָרט פרייז: 29.50, 32.50 און 35 זל.

אלפרעד היינע פּאַמאַרסקאַ 24

(צופאָהר מיט די טראַמווייען 4, 8 און 4)

פון 1-טען מערץ ד. י. אויך אין וואַרען-הויז יוליוש ראָזנער, פּיעטריקאָווער 98.

האנדעלס-בילאנסען

פּאַר'ן יאהר 1929

ווערען פאַכמעניש אויסגעפערטיגט

דורכ'ן ביורא „ארגוס"

36 זאַכאדניא 36, טעלעפ. 10,847

לעמשניצע

17 זגיערסקא 17, טעל. 16-33

אַלערליי קראַנקהייטען הערטען עמפאַנגען דורך ספּעציאַליסטען דאָקטוירים פון 9 פריה ביז 6 אַחײגד.—מאַסאַזש, עלעקטריזאַציע, פּאָקען-שלאַפען, קינסטליכע בירגזאַנ"ן-פּעשטראַלונגען אימפּינגען געגען שקאַר לאַטינע.

וויל־ט איהר זיך אויסהיילן פון רעוומאַטיזם און פּאדאגרע

רייסענדיגען, שטעכענדיגען הויטאַג אין די גלידער, אין די סטאָוען, געשווילעכץ, אויסגעקרימטע הענט און פיס, שטעכונג אוי רייסונג אין פערשידענע טיילען פון קערפער, אפילו אָפּשוואַכונג פון דער ראיה איז א סך מאָל א רעזולטאַט פון רעוומאַטיזם און פּאָדאַגרע, וועלכע דאַרפען בעזייטיגט ווערן, אין געגענטייל ווערט די קראַנקהייט נאָך שטאַרקער

איך שלאָג פאָר

א קוראַציע מיט מינעראַל-וואַסער, וועלכע היילט און לייטערט די יורין און פערבעסערט דעם שטאָף-ווערסעל. אַלזאָ נישט אַזוי-גערופענע אוניווערסאַלע, אָדער געהיימע מיטלען, נאָר אַ פּראָדוקט, וואָס די נאַטור האָט בעשאַפען פאַרן וואוהל פון דער ליידענדער מענשהייט

יעדען א אומזיסטע פּראָבע

שרייבט גלייך צו און איהר וועט בעקומען אומזיסט און פראַנקאָ אַ פּראָבע צוזאַמען מיט אויפקלערונגען דורך דער פּערמיטלונג פון אונזערע סקלאַדעס און דעמאָלט וועט איהר זיך איבערצייגען אין דער אומשעדליכקייט פון דעם מיטעל און אין זיין גוטער ווירקונג

AUGUST MÄRZKE,

Berlin Wilmersdorf, Bruchsalerstr. 5. Oddział 42.

מעכאַנישע שלאָסעריי און ווייסעריי

J. Reder, Łódź

Konstantynowska 11 (róg Zachodniej)

כ'נעם אָן פערשידענע שלאָסעריי-אַרבייט און אויטאָגענישע שווייסונגען אונטער גאַראַנטיע.

פּריוואַט-וואוינונג גדאַנסקאַ 20. וו. 17.

בעזוהש"ית

מודעה רבה לאוריתא

הנני מודיע בשער בת רבים שיצא לאור עולם הס'

„נפלאות הסבא קדישא"

מר"כק אדמו"ר הר"הק המפורסם בכל קצוי תבל רשכבה"ג מרן ר' ישכר בער זצ"ל מראדאשיץ,

בו יסופר נפלאות, וח"ת, ושיחותיו ומדרגותיו הנוראים מופתי העצומים, אשר קדש בהם שם שמים ברבים, וכל קורות ימי חייו מטרם התגלותו, עד יום הסתלקותו, אשר נפש הקורא יתענג בהו עונג רוחני, ויתלהב לבו לעבודתו ית"ש, ע"כ כל מי שלא זכה ב עדין משכו וקחו לכם ברכה לתוך בתיכם, וזכות הצ"הק המובאים בתוך הספר יעמד לנו שנזכה להרמת קרן ישראל במהר הולגאולה שלמה ובנין ציון וירושלים בב"א.

הצעיר ראובן חיים אלכסנדר

בהר"הח מו"ה יוסף יהודא ז"ל מראדאשיץ

לאָדז, קאַמיענא 17

הערה: גם התמונה של הר"הק הנ"ל יש להשיג אצלי.

בעמערקונג: אזוי ווי ס'האָט איינער אַרויסגעגעבען מעשה-ביכלעך פון אדמו"ר הק' ר' אליעזר דוד זצ"ל מראַדאשיץ, און פון פאָרענט שטעהט א בילד, זאָל מען וויסען, אז עס איז פאָלשטענדיג ליגענד, און עס איז אהן ערלויבניש פון הרבנים הצדיקים שליט"א מראדאשיץ. מען איז איהם מזהיר מהיום והלאה זאָל אַזעלכעס נישט פּאַסירען, בפקודת בני הרה"ק מראדאשיץ זי"ע הנ"ל.

אַדרעס שלי: R. Czarnicha, Łódź, Kamienna 17

Hurtowy skład
Sukna i Kortów
P. Gerson

Piotrkowska 50, front I-sze piętro

עמפעהלט אין דעטייל-פערקויף אויפ'ן פריהלינגס- און זומער-סעזאן הערען און דאַמען-שטאָפען צו זעהר צוגענגליכע פרייזען

סוחרים און פאַבריקאַנטען!

—— ס'איז צייט אויסצוקויפען ——

האנדעלס-פּאַטענטן

אויפ'ן יאהר 1930,

וועלכע ס'בעזאָרגט פּינקטליך און רעיעל דאָס ביורא „אַרגוס", זאַכודניאַ 36, טעל. 10847

ביטשריפטען-ביורא און סוחר'ישע עצות

ס'ווערט ערטיילט אַלערליי אינפאָרמאַציעס ווי אויך ווערט געפיהרט אַ פערמיטלונגס-אָבטיילונג אונטער דער פירמע

„OBRONA"

אינהאַבער: מאַקס בארנשטיין און קאָמפּ.

לאדז, שיענקעוויטשא 15

ערלעדיגט אַלערליי ביטעס צום געריכט, אַדמיניסטראַטיווער מאַכט, סקאַרבאָווי און מיליטער-ענינים. בעמ.: אַ ספּעציעלע וועקסעל און שטייער - אָפּטיילונג. מיטאַרבייט פון ערשטקלאַסיגע פאַכמענישע כחות

דאָס ביורא איז אָפען פון 9 — 7 אָוועגד.

אַזעלכעס איז נאָך נישט געווען!

נאָר וואָס איז אַרויס פון דרוק א העכסט-אינטערעסאַנט ספר פון יודישן פאָלקלאָר-אוצר א. נ.

„לעקסיקאָן פון יודישע חכמות"

פון הרב ישעיה זלאָטניק.

דער לעקסיקאָן ענטהאַלט די געקליבענע דבורים, גלייכווערטלעך, אנעקדאָטען און איינפאַלען, פון די גרעסטע חכמי ישראל אין די לעצטער צייט, וועלכע זענען נאָך אין ערגיץ נישט פערעפענטליך געוואָרען. אַן'אמת'ען גייסטיגען פאַרגעניגען קאָן יעדער יוד געפינען אין די חכמות, וועלכע שפּרודלען מיט'ן עכטען יודישען הומאָר און וויץ, וואָס זענען אַזוי איינגענאַרטיג און אָריגינעל אין דער וועלט-פאָלקלאָר-ליטעראַטור. דאָס ספר פאַר'ן פרייז 3 זל.

איז צו בעקומען ביים מחבר:

Rabin Sz. Złotnik, Radom.

געגען נאַכנאַהמע ווערט נישט געשיקט.

MEINLA

kawa

herbata

ogólnie cenione

Już za kilka dni

otwarcie sklepu

JULJUSZ MEINL

Import kawy i herbaty

S. A.

rok zał. 1862

Piotrkowska 95.

WYSZŁA z DRUKU

(nakładem łódzkiej księgarni „Czytaj")

„Godzina życia mężczyzny"

STANISŁAWA BALA

Cena 2 złote.

Do nabycia we wszystkich księgarniach

Sklad główny: Księgarnia „Czytaj"

Narutowicza 2.

אַ שטוב אויף פאדזשעטשנא 11 פאַר אַ סובלאָקאַטאָר פון זאָפאָרט איבערצוגעבען ביי שורעק.

דדא ביה כולה ביה
דלא דא ביה מה ביה

נדרים מ"א

אַלע יודען מוזען וויסען, אַז קלויזולעס און זאַבעזפּיעטשעניעס אויף אַלע שטעט פון פוילען, אַלע אַרט פּאָדאַניעס ווי: סאָנדאָווע, סקאַרבאָווע און אַדמיניסטראַציגע אויך שותפות-אַקטען, וואָוינונגס-אַקטען, אַפּעלאַציעס, ווילאַנטשעניעס איבערזעצונגען (אויך העברעאיש) א. ז. וו. שרייבט און ערלעדיגט לויט'ן אוסטאַוו

רעכטסקאָנסולענט : י. ח. בוזין

לאָדז, אָגראָדאָווא 3.

(עגזיסטירט זייט 1910.)

צוגענגליכע פרייזען

פון זאָפאָרט איבערצונעבען א שטוב מיט אַ קוך

אויף זגערזשער 10. צו ערפאַהרען ביי פלאקסער לינקע אָפיצינע, 2-טער שטאָק, פון 2—4 נאָכמ.

לעזט און אבאנירט
לאדזער טאגעבלאט

דרוקזאַכען

אַלערליי

ווערען שנעל, און פּראָמפּט אין דער פיינסטער אויספיהרונג און מאָדערנסטער שריפט אויסגעפערטיגט. -

קלעפּסידרעס

ווערען אין פערלויף פון 1 שעה געדרוקט און אויסגעקלעפּט אין דער גאַנצער שטאָט.

בוכדרוקעריי

ע. און מ. האַמבורסקי

פּיעטריקאָווער 16, טעלעפאָן 47

צו וואָס ליידען שמערצען?

פון אָדציסקיס, אַז אין 2 טעג קענט איהר זיי בעזייטיגען נוצענדיג דעם פלאַסטער „ראַדיקאַל" פרייז נור 30 גראָשען אויך פלין „ראַדיקאַל" וואַשט אָפּ שמוץ און פלעקען פון אַלע קאָליר-טע שיך. פרייז 50 גראָשען אַ פלעשעל. צו בעקומען ביים צייטונגס - פערקויפער ווינער פּיעטריקאָווער 10

א קאַראַקולענעם דאַמען-פּאַלטען

פערקויף איך געלעגענהייטליך פאַר אַ ביליגען פרייז האָטעל „מאַנטייפעל", זאַכאָדניא 45 № 836 צימער 9.

הלא חכמה תקרא, ותבונה תתן קולה,

בצדק כל אמרי פי, אין בהם נפתל ועקש, אשרי אדם שמע לי, לשקד על דלתותי יום יום. איבער דעם זאָלסטו קומען אין מיין

רעכטסקאָנסולענטען-ביוראָ צו

ה' מאַנעלאַ, זאַכאָדניאַ 52, פּיעטריקאָווער 17

טעלעפאָן 79 14

וואו ס'ווערט פּינקטליך און געוויסענהאַפט ערלעדיגט און געשריבען אַלערליי ביטעס: ציווילנע, קאַרנע, האַנדלאָווע, אַפּעלאַציעס אָדוואָלאַניעס, קלאַוזולעס, זאַפּעזפּיעטשעניעס אויף אַלע שטעט אין פוילען, וועגן דירות אין אוזשאָנד ראָזיעמטשע, ווי אויך איבערזעצונגען אין אַלע שפּראַכען.

מיט אַכטונג

ד. מאַנעלאַ, רעכטסקאָנסולענט

פּיעטריקאָווער 17

וויכטיג פאַר דאַמען!

מאַכט איך די עלעגאַנטסטע דאַמען-היטע נאָך דער לעצטער פּאַריזער מאָדע און די עלטעסטע היטע איבעראַרבייטע איך אויף גענצליך נײַ. געדענקט די אַדרעס:

פאַר נאָר 2.50 זל.

זאַוואַדזקאַ 23 3

באין הויף. 2-טען איינגאַנג, לינקס פּאַרטער.

אַמערק.: נײַ היטען די לעצטע נײַהייטען אין פיינער ויספערטיגונג 50 פּראָצ. ביליגער. ווי איבעראַל

„TOLA"

שרייבט זיך אן אונד שנעל

7. בערמאן

זאַכאַדניאַ 19

Ogłoszenia Fuchs'a to mur

o który oprzeć się może najbardziej zachwiana firma; nie upadnie nigdy, skoro tylko się zwróci o radę reklamową do

Akwizycji ogłoszeń FUCHS'a

Piotrkowska 50, tel. 21-36

אַבאָנעמענטס-פּרייז: פאַר 1 חודש אין פּוילען 5 זל., אין פּראָווינץ ... ניעז—20 פּרענק, אין אנדערע לענדער—1,25 דאָלאַר.

אַנאָנסען-פּרייז: פאַר 1 מילימעטער-שורה פאַרן טעקסט 10 גראָשען ... פאַר אויסלענדישע אַנאָנסען 100% טייערער.

Redaktor-wydawca E. Hamburski

Tłocznia: E. i M. Hamburskich w Łodzi, Piotrkowska 16.